Roskies / LIT 5109

# The Destruction of Kreshev

Translated by Elaine Gottlieb and June Ruth Flaum

## I

### *Reb Bunim Comes to Kreshev*

I AM the Primeval Snake, the Evil One, Satan. The Cabala refers to me as Samael and the Jews sometimes call me merely "that one."

It is well known that I love to arrange strange marriages, delighting in such mismatings as an old man with a young girl, an unattractive widow with a youth in his prime, a cripple with a great beauty, a cantor with a deaf woman, a mute with a braggart. Let me tell you about one such "interesting" union I contrived in Kreshev, which is a town on the river San, that enabled me to be properly abusive and gave me the opportunity to perform one of those little stunts that forces the forsaking of both this world and the next between the saying of a yes and a no.

Kreshev is about as large as one of the smallest letters in the smallest prayer books. On two sides of the town there is a thick pine forest and on the third the river San. The peasants in the neighboring villages are poorer and more isolated than any others in the Lublin district and the fields are the most barren. During a good part of the year the roads leading to the larger towns are merely broad trenches of water; one travels by wagon at one's peril. Bears and wolves lurk at the edge of the settlement in winter and often attack a stray cow or calf, occasionally even a human being. And, finally, so that the peasants shall never be rid of their wretchedness, I have instilled in them a burning faith. In that part of the country there is a church in every other village, a shrine at every tenth house. The Virgin stands with rusty halo, holding in her arms Jesus, the infant son of the Jewish carpenter Yossel. To her the aged come—and in the depth of winter kneel down, thus acquiring rheumatism. When May comes we have daily processions of the half-starved chanting with hoarse voices for rain. The incense gives off an acrid odor, and a consumptive drummer beats with all his might to

# דער חורבן פון קרעשעוו

## א

### ר׳ גימפּל קומט קיין קרעשעוו

איך בין דער יצר־הרע, דער שטן, דער נחש הקדמוני. אין קבלה־ספרים רופט מען מיך סמאל, אָדער דער ס״ם. יידן רופן מיך צומאָל דער בעל־דבר.

עס איז וואויל באַקאַנט דאָס איך האָב ליב אויסצופירן קרומע שידוכים. עס פאַרשאַפט מיר נחת־רוח צונויפצופירן אַן אַלטן מיט אַ יונגער מויד; אַ מיאוסע אלמנה אַ קטלנית — מיט אַ יונגן בחור. וואָס עס שפּראָצט אים נאָך נישט קיין באָרד; אַ קריפּל — מיט אַ יפת־תואר; אַ קלוגן מיט אַ נאַר; אַ חזן — מיט אַ טויבער; אַ שווייגער — מיט אַ חצופה. איינעם אַזאַ אויסטערלישן זיווג האָב איך אַמאָל צונויפגעפירט אין דעם שטעטל קרעשעוו, וואָס געפינט זיך נאָענט פון טייך סאַן. די לייט האָבן געהאַט פון וואָס צו שפּעטן און איך האָב דערביי צוגעגרייט איינס פון מיינע קונץ־שטיקלעך, וואָס מען פאַרלירט דורך זיי עולם־הזה און עולם־הבא צווישן יאָ און ניין.

דאָס שטעטל קרעשעוו איז אַזוי גרויס ווי אַ טל־ומטר אין אַ קליין סידורל. דער ישוב איז פון צוויי זייטן אַרומגערינגלט מיט געדיכטע סאָסנע־וועלדער. פון דער דריטער זייט פליסט דער טייך סאַן. די פויערים אין די דערפער אַרום זענען אָרעמער און פאַרגרעבטער פון אַלע גויים אין לובלינער געגנט. די פעלדער זענען מאָגער. די וועגן, וואָס פירן אין גרעסערע שטעט, זענען לאַנגע חדשים אין יאָר איבערגע־שניטן מיט ברייטע ריוון וואַסער און עס איז אַ סכנה דורך זיי צו פאָרן מיט אַ פור. אום ווינטער קומען בערן און וועלף צו די ברעגן פון די ישובים און עס טרעפט, אַז זיי פרעסן אויף אַ קו, אַ קאַלב, און אפילו אַ מענטש. אום די גויים זאָלן זיך נישט קענען אַרויסראַטעווען פון זייער עלנט, האָב איך אין זיי איינגעפלאַנצט אַ סך פרומקייט, אָדער קרומקייט. אין יעדן צווייטן דערפל איז דאָ אַ תיפלה. אויף יעדע צען הייזער איז פאַראַן אַ קאַפּעל. די הייליקע מוטער שטייט דאָרטן מיט אַ פאַרראָסט רייפל איבערן קאָפּ, מיטן יויזל אויף די הענט, און דערמאָנט דעם המון אַן דעם ממזר, וואָס דער יידישער סטאָלער יאָסל פאַנדרע האָט איר געמאַכט מיט דער הילף פון רוח־הקודש. אַלטע גויעס קומען אַהין קניען אַפילו ווינטערצייט און זיי קריגן דערפון ברעכעניש אין די געלענקען. אין חודש מאַי גייען טאָג־איין טאָג־אויס פּראָצעסיעס. דער אויסגעהונגערטער המון בלעקעצט מיט הייזעריקע קולות. דער ווייראוך שטינקט. דער שווינדזיכטיקער פּויקער פּויקט אום מיך צו דערשרעקן

22

און פאַרטרייבן. דער גלח, וואָס האָט געווײַנלעך אַ צענדליק ממזרים אַרומלויפן איבערן דאָרף, שלוקערצט אויף לאַטיין, צלמט זיך און באַשווענצלט. קיין רעגנס קומען נישט, און אויב יאָ, איז נישט אין דער צייט. אָבער דאָס פאָלק גלויבט סײַ־ווי־סײַ. און אַזוי פירט זיך עס זינט אַלטע צײַטן.

די יידן אין קרעשעוו זענען אַביסל געשייטער און פאַרמעגלעכער. זייערע ווײַבער אין די קראָמען גיבן אַ פאַלשע וואָג און אַ פאַלשע מאָס. די דאָרף־לייפער רעדן־אָן די פויערטעס צו קויפן אַלערליי שמאָכטעס און זיי באַקומען דערפאַר מעסטלעך קאָרן, פערטלעך קאַרטאָפל, קנוילן פלאַקס, הינער, קאַטשקעס, גענדז, און אַמאָל אַפילו נאָך עפּעס פאַר אַ צוגאָב. דען וואָס וועט נישט געבן אַ נקבה פאַר אַ שנירל גלעזערנע פאַטשערקעס, פאַר אַן אָפּגעפאַרבטן פלעדערוויש, פאַר אַן אייל געבלימלטן סיץ, אָדער גאָר פאַר אַ פרײַנטלעך וואָרט פון אַ פרעמדן זכר? איר זאָלט זיך דעריבער נישט וואונדערן וואָס מען טרעפט צומאָל צווישן די פלאַקסן־קעפּיקע שקצימלעך און שיקסלעך שוואַרצאויגיקע שרעטלעך מיט געקרײַזלטע האָר און געבויגענע נעז. די פויערים שלאָפן געשמאַק אין די נעכט און די יונגע ווײַבער לאָזט דער טײַוול נישט אײַנרוען און פירט זיי מיט הינטערוועגלעך צו די שײַערן, וואו די שטאָטישע אויפקויפער וואַלגערן זיך אין היי. די הינט בילן, די העגער קרייען, די זשאַבעס קוואַקען און די שטערן אין הימל וואַכן און ווינקען, און גאָט אַליין דרימלט אין די וואָלקנס. כביכול איז אַלט. עס איז נישט קיין לײַכטע זאַך צו לעבן אייביק . . .

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו די יידן פון קרעשעוו.

דער מאַרק איז אַ גאַנץ יאָר איין ברייטער זומפּ. די ווײַבער גיסן דאָרטן די פּאָמעשאָפּער. די שטובן שטייען אײַנגעבויגן, האַלב אײַנגעזונקען, מיט געלאַטעטע דעכער, די פענצטער פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס, אָדער איבערגעצויגן מיט פענכערס פון רינדער. אין די דירות פון די קבצנים זענען נישטאָ קיין דילן. אין אייניקע זענען אַפילו נישטאָ קיין קוימענס. ווען מען הייצט דעם אויוון, גייט אַרויס דער רויך דורך אַ לאָך אין דאַך. די ווײַבער, וואָס האָבן חתונה צו פערצן און פופצן יאָר, ווערן פרי געעלטערט פון טראָגן און האָבן. די שוסטערלעך זיצן אויף קליינע בענקלעך און עסקן זיך מיט אַלטע שקראַבעס. די שנײַדערס דרייען איבער אויף דער דריטער זײַט לויזיקע פעלצן. די בערשטן־מאַכער קעמען מיט הילצערנע קאַמען די חזירשע האָר און זינגען מיט הייזעריקע שטימען חזנות און בדחנישע לידער. די קרעמער האָבן אַ גאַנצע וואָך, אויסערן מאַרק־טאָג, גאָרנישט וואָס צו טון און זיי זיצן אין בית־מדרש, קראַצן זיך, לערנען גמרא און דערציילן וואונדערלעכע מעשיות פון פּיפּערנאָטערס, שדים און ווילקאָלאַקן. איר קאָנט אייך מערקן, אַז איך האָב ווייניק וואָס צו טון אין אַזאַ העק. אויף קיין רעכטער עבירה קאָן מען זיך דאָרטן נישט ריכטן. עס איז נישטאָ בײַ די לײַט קיין כוח און קיין פאַרלאַנג. אַמאָל שמדט זיך אָפּ אַ נייטאָרין; עס טרעפט, אַז אַ מויד פון אַ וואַסער־טרעגער ווערט מעוברת, אָבער דאָס פאַרשאַפט מיר ווייניק שפּאַס. איך פלעג דעריבער זעלטן קומען קיין קרעשעוו.

נו, זענען אָבער געווען אין קרעשעוו אויך עטלעכע נגידים און אין אַ פאַרמעגלעך הויז קען שוין עפּעס פּאַסירן. באַזונדערס האָב איך געוואָרפן אַן אויג אויף דעם הויז פון דעם גרעסטן גביר פון קרעשעוו, ר׳ גימפּל שור. ס׳וואָלט געדויערט צו לאַנג צו דערציילן ווי דער ר׳ גימפּל איז געקומען קיין קרעשעוו. ער האָט גאָר פריער געוואוינט אין זשאָלקווע, בײַ לעמבערג. געבראַכט האָבן אים קיין קרעשעוו ערשטנס — מסחרים: ער האָט געהאַנדלט מיט געהילץ און האָט פאַר אַ שיבוש אָפּגעקויפט בײַם קרעשעווער פּריץ אַ וואַלד. אַחוץ דעם האָט זײַן ווײַב גענענדל (אַ גרויסע מיוחסת, אַן אייניקל פון מהרש״א, אָדער פון רמ״א) געליטן אויף אַ הוסט און געשפּיגן צוביסלעך מיט בלוט און עפּעס אַ לעמבערגער רופא זאָל זי האָבן געראָטן צו וואוינען אין אַ וואַלדיקער געגענט. גענוג, אַז ער איז געקומען קיין קרעשעוו מיט זײַן האָב און גוטס און מיטגעבראַכט אַ דערוואַקסענעם בחור און אַ בתולה פון אַ יאָר צען, ליסע. ער האָט זיך געלאָזט אויפבויען אַ הויז אין עק פון שול־גאַס, אָפּגערוקט פון די איבעריקע הייזער, און געבראַכט עטלעכע בוידן מיט מעבל, געפעס, מלבושים, ספרים און נאָך פיל חפצים. עס איז אויך מיטגעקומען אַן אַלטע דינסט און אַ יונגער משרת, וואָס איז אויך געווען בײַ ר׳ גימפּלען דער אַנטרייבער. ער האָט געהייסן לייבל. די שטאָט איז אויפגעריכט געוואָרן פון דעם נייעם בעל־הבית. די זין פון די פּראָסטע לײַט זענען געוואָרן מענטשן בײַ ר׳ גימפּלען אין וואַלד. די בעל־עגלהס האָבן געפירט קלעצער. ר׳ גימפּל האָט געלאָזט פאַרריכטן דאָס באָד און אויפגעשלאָגן אַ נייען דאַך אויפן הקדש.

frighten me away. Nevertheless, the rains don't come. Or if they do, they are never in time. But that doesn't prevent the people from believing. And so it has continued from time immemorial.

The Jews of Kreshev are both somewhat better informed and more prosperous than the peasants. Their wives are shopkeepers and are skilled in giving false weight and measure. The village peddlers know how to get the peasant women to purchase all sorts of trinkets and thus earn for themselves corn, potatoes, flax, chickens, ducks, geese—and sometimes a little extra. What won't a woman give for a string of beads, a decorated feather duster, a flowered calico, or just a kind word from a stranger? So it is not entirely surprising that here and there among the flaxen-haired children one comes across a curly-haired, black-eyed imp with a hooked nose. The peasants are extremely sound sleepers but the devil does not permit their young women to rest but leads them down back paths to barns where the peddlers wait in the day. Dogs bay at the moon, roosters crow, and God himself dozes among the clouds. The Almighty is old; it is no easy task to live forever.

But let us return to the Jews of Kreshev.

All year round, the marketplace is one deep marsh, for the very good reason that the women empty their slops there. The houses don't stand straight; they are half-sunk into the earth and have patched roofs; their windows are stuffed with rags or covered with ox bladders. The homes of the poor have no floors; some even lack chimneys. In such houses the smoke from the stove escapes through a hole in the roof. The women marry when they are fourteen or fifteen and age quickly from too much childbearing. In Kreshev the cobblers at their low benches have only worn-out, scuffed shoes on which to practice their trade. The tailors have no alternative but to turn the ragged furs brought to them to their third side. The brushmakers comb hog bristles with wooden combs and hoarsely sing fragments of ritual chants and wedding tunes. After market day there is nothing for the storekeepers to do and so they hang around the study house, scratching themselves and leafing through the Talmud or else telling each other amazing stories of monsters and ghosts and werewolves. Obviously in such a town there isn't much for me to do. One is just very hard put to come across a real sin thereabouts. The inhabitants lack both the strength and the inclination. Now and again a seamstress gossips about the rabbi's wife or the water bearer's girl grows large with child, but those are not the sort of things that amuse me. That is why I rarely visit Kreshev.

But at the time I am speaking about there were a few rich men in the town and in a prosperous home anything can happen. So whenever I turned my eyes in that direction, I made sure to see how things were going in the household of Reb Bunim Shor, the community's richest man. It would take too long to explain in detail how Reb Bunim happened to settle in Kreshev. He had originally lived in Zholkve, which is a town near Lemberg. He had left there for business reasons. His interest was lumber and for a very small sum he had purchased a nice tract of woods from the Kreshev squire. In addition, his wife, Shifrah Tammar (a woman of distinguished family, granddaughter of the famous scholar Reb Samuel Edels), suffered from a chronic cough which made her spit blood, and a Lemberg doctor had recommended that she live in a wooded area. At any rate, Reb Bunim had moved to Kreshev with all his possessions, bringing along with him also a grown son and Lise, his ten-year-old daughter. He had built a house set apart from all the other dwellings at the end of the synagogue street; and several wagonloads of furniture, crockery, clothing, books and a host of other things had been crammed into the building. He had also brought with him a couple of servants, an old woman and a young man called Mendel, who acted as Reb Bunim's coachman. The arrival of the new inhabitant restored life to the town. Now there was work for the young men in Reb Bunim's forests and Kreshev's coachmen had logs to haul. Reb Bunim repaired the town's bath and he constructed a new roof for the almshouse.

ר' גימפל איז געווען א ייד א גבר, א הויכער, א ברייט־ביינִיקער, מיט א פעך־שווארצער בארד, וואס האט געהאט צוויי שפיצן און מיט א קול פון א בעל־מוסף. קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען — ער האט קוים געקאנט דורכקריכן א פרק משניות — אבער ער האט געגעבן צדקה מיט א ברייטער האנט. ער האט געקאנט אויפעסן אויף אנבייסן א לאבן ברויט, א פאנקוכן פון זעקס אייער, און פארטרינקען מיט א קווארט מילך. פרייטיק, אין באד, איז ער ארויפגעקראכן אויף דער העכסטער באנק און דער שַמש האט אים געשמיסן מיט א בעזעמל ביז ליכט־צינדן. אין וואלד האט ער געהאט מיט זיך צוויי בייזע הינט און א ביקס. מ'האט געזאגט, אז ווען ער האט א קוק געטון אויף א בוים, האט ער געוואוסט צי דער שטאם איז געזונט אדער פויל. ער האט געקאנט ארבעטן אכצן שעה אין מעת־לעת און אז עס איז אויסגעקומען, איז ער געגאנגען צופוס מיילן. זיין ווייב, גענענדל, איז אמאל געווען א יפת־תואר, אבער פון צופיל דאקטערן זיך, נעמען רפואות, און ציטערן איבער דער אייגענער הויט, איז זי פריצייטיק געווארן א צעבראכענע כלי. זי איז געווען א הויכע, א שמאלע, כמעט אן בריסטן, מיט א ווייס לענגלעך פנים און מיט א קרימלעכער נאז. די דינע ליפעלעך האט זי אלעמאל געהאלטן פארשנורעוועט, די גרויע אויגן האבן געקוקט בייזלעך. ווען זי האט געהאט די צייט, האט זי געליטן יסורים (אדער זי האט זיך איינגערעדט, אז זי ליידט) און איז געלעגן צו־בעט, ווי א מסוכן־שלאפע. דא האט זי געהאט קאפ־ווייטיק און דא האט זי באקומען א שלוקעכץ; דא האט זי געקראגן א צאן־געשוויר און דא א קלעמעניש אונטערן לעפעלע. דעם אמת געזאגט, איז זי נישט געווען קיין ווייב פאר ר' גימפלען, אבער ר' גימפל איז נישט געווען פון די מאנסלייט וואס באקלאגן זיך. ער האט אוודאי געמיינט, אז אלע ווייבער זענען אזוי. סך־הכל האט ער חתונה געהאט צו פופצן יאר . . .

וועגן דעם זון וועל איך דא נישט מאריך זיין. ער איז געווען געראטן אין פאטער: א קנאפער לערנער, א גרויסער עסער, א גוטער שווימער, א פייערדיקער סוחר. ער איז געווארן א חתן נאך איידער ר' גימפל האט זיך אריבערגעצויגן קיין קרעשעוו. ער האט חתונה געהאט קיין בראד, און זיך באלד גענומען צום האנדל. קיין קרעשעוו איז ער זעלטן געקומען. קיין געלט האט נישט אויסגעפעלט נישט ר' גימפלען, נישט זיין זון. זיי זענען געווען געבוירענע נגידים. ס'געלט איז צו זיי געלאפן. ס'האט אויסגעזען, אז ר' גימפל און זיין הויזגעזינט וועלן אויס־לעבן די יארן אין נחת, ווי ס'האט געטראפן מיט פיל פראסטע לייט, וואס צוליב זייער גאנצקייט האט זיי ס'שלים־מזל אויסגעמיטן און זיי זענען איבערגעקומען די וועלט אן א מכשול.

## ב

## ליסע

נו, האט אבער דער ר' גימפל געהאט א טאכטער, א בתולה, און פון ווייבער קומען ארויס, ווי באקאנט, פיל שלעק און פורעניות.

דאס מיידל, ליסע, איז געווען א יפת־תואר און איידל־געבאדן. צו צוועלף יאר איז זי שוין געווען אזוי הויך ווי דער פאטער. האר האט זי געהאט בלאנדע, כמעט געלע, און א הויט א ווייסע און א גלאטיקע, ווי אטלעס. די אויגן זענען געווען אמאל בלוי, אמאל גרין. איר פירעכץ איז געווען סיי פריציש און סיי פון א פרומער יידישער טאכטער, א מיוחסת. ווען זי איז אלט געווען זעקס יאר, האט דער פאטער איר צוגענומען א רביצין און זי האט זיך אויסגעלערנט ביי איר טראף און דאוונען. שפעטער האט ר' גימפל זי געלאזט לערנען ביי א מלמד. זי האט פרי גענומען ארויסווייזן א לוסט צו ספרים. זי האט אליין געלערנט תנ"ך אויף עברי־טייטש, האט אריינגעקוקט אין דער מוטערס טייטש־חומש, אין נחלת־צבי, שבט־מוסר, לב־טוב, קב־הישר און אין אנדערע ספרים, וואס זענען געווען אין הויז. שפעטער האט זי — כמעט ווי פון זיך אליין — זיך אויסגעלערנט אביסל לשון־קודש. דער פאטער האט איר וויפל מאל געזאגט דאס עס איז נישט דער שטייגער א מויד זאל לערנען תורה. די מוטער, גענענדל, האט זי געווארנט, אז זי וועט פארזיצן ביזן גרויען צאפ, ווארום עס געפעלט נישט א מאנסביל צו האבן א ווייב א למדנטע, נאר די מויד האט נישט געטון איר הארץ צו די ווארעניש. זי האט געלערנט חובת־הלבבות און געלייענט די געשיכטעס פון יוסיפון; זי האט אריינגעקוקט אין עין־יעקב, אין מדרש פליאה, אין בן־המלך והנזיר, און געקאנט פיל מעשיות פון דער גמרא און אלערליי ווערטלעך פון תנאים און אמוראים. איר דורשט צו וויסן האט נישט געהאט קיין גרענעץ. וויפל מאל עס איז געקומען א פאקנטרעגער קיין קרעשעוו, האט זי אים אריינגערופן אין הויז און געקויפט די ספרימלעך, וואס האבן זיך געפונען אין זיין זאק, שבת

Reb Bunim was a tall, powerful, large-boned man. He had the voice of a cantor and a pitch-black beard that ended in two points. He wasn't much of a scholar and could scarcely get through a chapter of the Midrash, but he always contributed generously to charity. He could sit down to a meal and finish at one sitting a loaf of bread and a six-egg omelet, washing it all down with a quart of milk. Fridays at the bath, he would climb to the highest perch and would have the attendant beat him with a bundle of twigs until it was time to light the candles. When he went into the forest he was accompanied by two fierce hounds, and he carried a gun. It was said that he could tell at a glance whether a tree was healthy or rotten. When necessary, he could work eighteen hours on end and walk for miles on foot. His wife, Shifrah Tammar, had once been very handsome, but between running to doctors and worrying about herself, she'd managed to become prematurely old. She was tall and thin, almost flat-chested, and she had a long, pale face and a beak of a nose. Her thin lips stayed forever closed and her gray eyes looked belligerently out at the world. Her periods were painful and when they came she would take to her bed as though she were mortally ill. In fact, she was a constant sufferer—one moment it would be a headache, the next an abscessed tooth or pressure on her abdomen. She was not a fit mate for Reb Bunim but he was not the sort who complained. Very likely he was convinced that that was the way it was with all women since he had married when he was fifteen years old.

There isn't very much to say about his son. He was like his father—a poor scholar, a voracious eater, a powerful swimmer, an aggressive businessman. He had married a girl from Brod before his father had even moved to Kreshev and had immediately immersed himself in business. He very seldom came to Kreshev. Like his father he had no lack of money. Both of the men were born financiers. They seemed to draw money to them. The way it looked, there didn't appear to be any reason why Reb Bunim and his family would not live out their days in peace as so often happens with ordinary people who because of their simplicity are spared bad luck and go through life without any real problems.

## II
## *The Daughter*

But Reb Bunim also had a daughter, and women, as it is well known, bring misfortune.

Lise was both beautiful and well brought up. At twelve she was already as tall as her father. She had blond, almost yellow, hair and her skin was as white and smooth as satin. At times her eyes appeared to be blue and at other times green. Her behavior was a mixture, half Polish lady, half pious Jewish maiden. When she was six her father had engaged a governess to instruct her in religion and grammar. Later Reb Bunim had sent her to a regular teacher and from the very beginning she had shown a great interest in books. On her own she had studied the Scriptures in Yiddish, and dipped into her mother's Yiddish commentary on the Pentateuch. She had also been through *The Inheritance of the Deer*, *The Rod of Punishment*, *The Good Heart*, *The Straight Measure*, and other similar books that she had found in the house. After that, she had managed all by herself to pick up a smattering of Hebrew. Her father had told her repeatedly that it was not proper for a girl to study the Torah and her mother cautioned her that she would be left an old maid since no one wanted a learned wife, but these warnings made little impression on the girl. She continued to study, read *The Duty of the Heart*, and Josephus, familiarized herself with the tales of the Talmud, and in addition learned all sorts of proverbs of the Tanaites and Amorites. She put no limit to her thirst for knowledge. Every time a book peddler wandered into Kreshev she would invite him to the house and buy whatever he had in his sack. After the Sabbath meal her con-

נאָכן טשאָלנט פלעגן צו איר קומען צו גאַסט נגידישע מיידלעך און האָבן געשמועסט מיט איר און געשפּילט אין צייכן, גראָד־און־אום, געפרעגט רעטענישן און זיך נאַריש־געמאַכט, ווי עס איז דער שטייגער פון בתולות. ליסע האָט זיי אויפגענומען פריינטלעך, מכבד געווען מיט שבת־אויבסט, קיכלעך, ניס, טייגלעך, אָבער זי האָט נישט געהאַט מיט זיי וואָס צו רעדן, וואָרום די מיידלעך זענען געווען אַריינגעטון אין קליידער, שיך און פוסטע פלוידערייען, אָבער ליסע האָט אין זינען געהאַט אַנדערע זאַכן. דאָך האָט מען זי גערן געהאַט, וואָרום זי האָט זיך נישט געהאַלטן גרויס און געוויזן יעדן אַ פריינטלעך פּנים. יום־טוב פלעגט זי צומאָל קומען אין ווייבער־שול, אויבוואויל עס איז נישט אָנגענומען דאָס מוידן זאָלן גיין דאַווענען. ר׳ גימפל, וואָס האָט ליב געהאַט זיין בת־יחידה מיט אַ גרויסער ליבשאַפט, האָט נישט איינמאָל געזאָגט:

— אַ שאָד וואָס זי איז נישט געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל. זי וואָלט אויסגעוואָקסן אַ שיינע כּלי! . . .

— דו מאַכסט אַ תּל פון דער מויד! — האָט גענענדל געענטפערט.

— זי׳ט נישט קאָנען קאַ׳ קוגל מאַכן! . . .

אַזוי ווי אין קרעשעוו איז נישט געווען קיין לייטישער לערער (דער איינציקער לערער, יאָקל, האָט נישט געקאָנט מער ווי שרייבן אַ שורה־גריזל אויף יידיש־טייטש), האָט ר׳ גימפל געלאָזט די טאָכטער לייען ביכער ביי קלמן רופא. קלמן רופא האָט געהאַט אַ נאָמען אין קרעשעוו און אין דער געגנט אַרום. מיט אַ געוויינלעך מוציא־מעסער האָט ער געמאַכט אָפּעראַציעס. ער האָט געקאָנט אויסברענען קאָלטנס, שטעלן פּיאַווקעס, שלאָגן אָדער, געהאַט זיין אייגנס אַן אַלמער מיט ביכער און אַליין געמאַכט פון קרייטעכצער אַלערליי פּילן. ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ דיקער, מיט אַ גרויסן בויך, און איז געגאַנגען מיט אַ וואַקלדיקן גאַנג. אָנגעטון איז ער געווען פּריציש: אין אַ פּליושן היטל, אין אַ סאַמעטענעם קאַפּטאַן, אין קורצע הויזן און אין שיך מיט קלאַמרעס. עס איז געווען אַ מנהג אין קרעשעוו, אַז ווען מ׳האָט געפירט אַ כּלה אין באָד־אַריין, איז מען געבליבן שטיין ביי קלמן רופאס גאַניק און די כּלי־זמר האָבן אויפגעשפּילט אַ פריילעכס פון זיין כּבוד וועגן.

— מ׳טאָר אַזעלכע לייט נישט דערצערענען! — האָט מען גערעדט אין שטאָט. — מ׳זאָל נאָר צו זיי נישט דאַרפן! . . .

קלמן רופא איז געווען אַ שטענדיקער איינגייער צו ר׳ גימפּלען, האָט געהיילט גענענדלען, און ער האָט דערום דערלויבט ליסען זי זאָל באָרגן ביי אים ביכער. ליסע האָט איבערגעלייענט אַלץ, וואָס זי האָט געפונען אין זיין שראַנק. עס זענען דאָרטן געווען ביכער פון מעדיצין, באַשרייבונגען פון ווייטע מדינות און פון ווילדע שבטים, ווי אויך געשיכטעס פון פּריצים, ווי זיי גייען אויף יאַגד, פירן ליבעס, מאַכן בעלער און הולטאַיען, און וואונדערלעכע פּאַסירונגען מיט כּישוף־מאַכערס, ריטערס, קעניגן, פּרינצן, חיות. דאָס מיידל האָט דאָס אַלץ געלייענט.

נו, איז צייט צו דערציילן וועגן לייבל משרת, אָדער לייבל שמייסער. פון וואַנען דער לייבל איז געקומען צו ר׳ גימפּלען, האָט מען אין קרעשעוו רעכט נישט געוואוסט. מ׳האָט גערעדט, אַז ער זאָל האָבן געווען אַ ממזר, וואָס איז אויפגעבראַכט געוואָרן אין גאַס. אַנדערע האָבן גע־מורמלט, אַז דעם יונגס מוטער האָט זיך געשמדט. ער איז געווען דער גרעסטער עם־הארץ אין קרעשעוו און אין דער געגנט אַרום. ער האָט ממש נישט געקאָנט קיין אלף־בית און האָט נישט געדאַוונט, כאָטש אַ פּאָר תּפילין האָט ער יאָ געהאַט. פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען די מאַנסלייט זענען אַוועק אין בית־מדרש אַריין, האָט ער זיך אַרומגעשלענדערט איבערן מאַרק, ווי אַ שגץ. ער האָט געהאָלפן די דינסט־מוידן אָנשעפּן וואַסער פון ברונעם, זיך געפּאָרעט אין שטאַל מיט די פערד. ער האָט געגאָלט די באָרד, נישט געטראָגן קיין ציצית, נישט געמאַכט קיין ברכה, און אינגאַנצן אָפּגעטון פון זיך דעם יאָך פון יידישקייט. ווען ער איז אָנגעקומען קיין קרעשעוו, האָבן איניקע בעלי־בתּים געפּרוּווט רעדן מיט אים. אַ מלמד האָט באַוויליקט אים צו לערנען אומזיסט. פרומע ווייבער האָבן אים געשטראָפט און געוואָרנט, אַז ער וועט ליגן אין גיהנום אויף אַ שטעך־בעטל. אָבער דער יונג האָט זיך רעכט נישט צוגעהערט צו זייערע רייד. ער האָט אויסגעשפּיצט די ליפּן און געפייפט. ווען די ווייבער האָבן אים נישט צורו געלאָזט, האָט ער געענטפערט מיט חוצפּה:

— אירט אין מיין גיהנום נישט זיין! גאָטס קאָזאַקן! . . .

temporaries, the daughters of the best families of Kreshev, would drop in for a visit. The girls would chatter, play odds and evens, set each other riddles to answer and act as giddily as young girls generally do. Lise was always very polite to her friends, would serve them Sabbath fruits, nuts, cookies, cakes, but she never had much to say—her mind was concerned with weightier matters than dresses and shoes. Yet her manner was always friendly, without the slightest trace of haughtiness in it. On holidays Lise went to the women's synagogue although it was not customary for girls of her age to attend services. On more than one occasion, Reb Bunim, who was devoted to her, would say sorrowfully: "It's a shame that she's not a boy. What a man she would have made."

Shifrah Tammar's feelings were otherwise.

"You're just ruining the girl," she would insist. "If this continues, she won't even know how to bake a potato."

Since there was no competent teacher of secular subjects in Kreshev (Yakel, the community's only teacher, could just about write a single line of legible Yiddish), Reb Bunim sent his daughter to study with Kalman the leech. Kalman was highly esteemed in Kreshev. He knew how to burn out elf-locks, apply leeches, and do operations with just an ordinary breadknife. He owned a caseful of books and manufactured his own pills from the herbs in the field. He was a short, squat man with an enormous belly and as he walked his great weight seemed to make him totter. He looked like one of the local gentry in his plush hat, velvet caftan, knee-length trousers and shoes with buckles. It was the custom in Kreshev to have the procession, taking the bride to the ritual bath, stop for a moment in front of Kalman's porch to serenade him gaily. "Such a man," it was said in town, "must be kept in a good humor. All one can hope is that one never needs him."

But Reb Bunim did need Kalman. The leech was in perpetual attendance upon Shifrah Tammar, and not only did he treat the mother's ailments, but he permitted the daughter to borrow books from his library. Lise read through his whole collection: tomes about medicine, travel books describing distant lands and savage peoples, romantic stories of the nobility, how they hunted and made love, the brilliant balls they gave. Nor was this all. In Kalman's library were also marvelous yarns about sorcerers and strange animals, about knights, kings and princes. Yes, every line of all this Lise read.

Well, now it is time for me to speak about Mendel, Mendel the manservant—Mendel the coachman. No one in Kreshev knew quite where this Mendel had come from. One story was that he'd been a love child who'd been abandoned in the streets. Others said he was the child of a convert. Whatever his origins, he was certainly an ignoramus and was famous not only in Kreshev but for miles around. He literally didn't know his Alef Beth, nor had he ever been seen to pray, although he did own a set of phylacteries. On Friday night all the other men would be at the house of prayer but Mendel would be loitering in the marketplace. He would help the servant girls draw water from the well and would hang around the horses in the stables. Mendel shaved, had discarded his fringed garment, offered no benedictions; he had completely emancipated himself from Jewish custom. On his first appearance in Kreshev, several people had interested themselves in him. He'd been offered free instruction. Several pious ladies had warned him that he'd end up reclining on a bed of nails in Gehenna. But the young man had ignored everyone. He just puckered up his lips and whistled impudently. If some woman assailed him too vigorously, he would snarl back arrogantly: "Oh, you cossack of God, you. Anyway, you won't be in my Gehenna."

און האָט אַ נעם געטון דאָס בייטשל, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן, און אויפגעהויבן ביי דער יידענע דאָס קלייד. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ געשריי, אַ געלעכטער, און די פרומע האָט שוין פאַרזאָגט אַ צענטן נישט צו האָבן קיין מחזקות מיט לייבעלע שמייסער.

אויבוואויל ער איז געווען אַ פושע ישראל, איז ער אויף להכעיס געווען אַ שיינער יונג, הויך און בויגעוודיק, מיט לאַנגע פיס, שמאָלע לענדן און מיט געדיכטע שוואַרצע האָר, וואָס זענען געווען האַלב־געקרייזלט, האַלב־געקאָלטנט, און עס זענען אין זיי אַלעמאָל געזעסן שטרויעלעך און הייעלעך. די ברעמען זענען זיך צונויפגעוואקסן איבער זיין נאָז. אויגן האָט ער געהאַט שוואַרצע און אומהיימלעכע, ליפּן גראָבלעכע. אָנגעטון האָט ער זיך אין גויאישע מלבושים: ער האָט געטראָגן שטיוול מיט הויכע כאָלעוועס, רייט־הויזן, אַ קורץ שפּענצערל, און אַ פּויליש היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשיק, פאַררוקט צום נאַקן. ער האָט געקאָנט שפּילן אויף אַ פידעלע, און פון אַ שטעקן האָט ער אויסגעשניצט אַ פייפל. ער האָט אויפגעבויט אַ טויבנשלאָק איבער ר׳ גימפּלס הויז און פלעגט צומאָל אַרויפקלעטערן אויפן דאַך און טרייבן די טויבן מיט אַ לאַנגער בייטש. כאָטש דער יונג האָט געהאַט אַ קאַמער פאַר זיך און אַ באַנק־בעט, פלעגט ער געוויינלעך שלאָפן אויפן בוידעם צווישן היי. ער האָט געקאָנט אַזוי אָפּכאַמערן פערצן שעה דורכאַנאַנד. איינמאָל, ווען אין קרעשעוו איז געווען אַ שׂרפה, האָבן די שטאָט־לייט זיך איינגעפּאַקט. אין ר׳ גימפּלס הויז האָט מען געזוכט לייבלען ער זאָל העלפן שלעפן דאָס געפּעק, נאָר ער איז געהאַט נעלם געוואָרן. ערשט ווען דאָס פייער איז פאַרלאָשן געוואָרן און דער האַרמידער איז אַריבער, האָט מען אים געפונען ליגן אין אַ ווינקל הויף, אונטער אַן עפּל־בוים. ער איז געשלאָפן געשמאַק, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

אַז לייבל שמייסער איז געווען אַ נואף, האָבן געוואוסט קינד־און־קייט, אָבער ער האָט געהאַט אַ גוט פּירעכץ: צו קיין יידישע טעכטער איז ער נישט צוגעשטאַנען. ער האָט געהאַט צו טון נאָר מיט שיקסעס און יונגע פּויערטעס. ער האָט געהאַט אַ כּוח צו זיי, וואָס איז כּמעט געווען נישט בדרך־הטבע. די שטאָטישע ווײלע יונגען, וואָס קומען אין שענק טרינקען ביר, האָבן דערציילט, אַז ווען לייבל שמייסער טוט אַ קוק אויף אַן ערלית, ווערט זי צו אים צוגעזאָטן. נקבות זענען געקומען צו אים אויפן בוידעם און ער איז זיי באַשלאָפן. גויים האָבן אים פיל מאָל געוואָרנט דאָס זיי וועלן אים אָפּהאַקן דעם קאָפּ, נאָר ער האָט נישט געטון דאָס האַרץ צו זייערע וואָרענישן און זיך אַלץ מער אַריינגעטון אין זנות. אין יעדן דאָרף, וואוהין ער איז געפאָרן מיט ר׳ גימפּלען, האָט ער געהאַט זיינע ליבהאָבערינס און ער האָט אויפגעשטעלט ממזרים. איניקע לייט האָבן געזאָגט, אַז עס איז גענוג געווען ער זאָל טון אַ פייף צו אַ פּויערטע, אַז זי זאָל קומען צו אים, ווי צוגעצויגן דורך אַ כּישוף. לייבל אַליין האָט זעלטן גערעדט וועגן זיין קראַפט איבער דעם ווייבערישן מין. ער האָט נישט געטרונקען קיין אָקאָוויט, אויסגעמיטן אַ געשלעג און זיך נישט געחברט מיט די שטאָטישע געזעלן — די שוסטער־יונגען, שניידער־יונגען, בעדנערס און חזיר־האָר־קעמער. זיי האָבן אים אויך נישט געהאַלטן פאַר אַ זייעריקן. ער האָט אפילו נישט געזאָרגט וועגן פּרנסה. מען האָט גערעדט, דאָס ר׳ גימפּל גיט אים נישט מער ווי דאָס עסן און אַ מלבוש. אַ קרעשעווער בעל־עגלה האָט אים געוואָלט דינגען פאַר אַ שמייסער און אים צאָלן אַ לוין, אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן. ער איז געווען געטריי ר׳ גימפּלס הויז־געזינד ווי אַ קנעכט. ער האָט בלויז אין זינען געהאַט די פערד, די געפּוצטע שטיוועלעך, די טויבן און די שיקסעס. די שטאָט־לייט האָבן אים מפקיר געווען.

— אַ פאַרלוירענע נשמה! — האָט מען געזאָגט וועגן אים. — אַ יידישער גוי! . . .

און מ׳האָט זיך ביסלעכווייז צו אים צוגעוואוינט און אַן אים פאַרגעסן.

And he would take the whip that he always carried with him and use it to hike up the woman's skirt. There would be a great deal of commotion and laughter and the pious lady would vow never again to tangle with Mendel the coachman.

Though he was a heretic that didn't prevent him from being handsome. No, he was very good-looking, tall and lithe, with straight legs and narrow hips and dense black hair which was a little bit curly and a little kinky and in which there were always a few stalks of hay and straw. He had heavy eyebrows which joined together over his nose. His eyes were black, his lips thick. As for his clothing, he went around dressed like a Gentile. He wore riding breeches and boots, a short jacket and a Polish hat with a leather visor which he pulled down in the back until it touched the nape of his neck. He carved whistles from twigs and he also played the fiddle. Another of his hobbies was pigeons and he'd built a coop on top of Reb Bunim's house and occasionally he'd be seen scampering up to the roof to exercise the birds with a long stick. Although he had a room of his own and a perfectly adequate bench-bed, he preferred to sleep in the hay loft, and when he was in the mood he was capable of sleeping for fourteen hours at a stretch. Once there had been so bad a fire in Kreshev that the people had decided to flee the town. At Reb Bunim's house everyone had been looking for Mendel so that he might help pack and carry things away. But there had been no Mendel to be found anywhere. Only after the fire had been put out at last and the excitement had died down had he been discovered in the courtyard, snoring under an apple tree as if nothing had happened.

But Mendel the coachman wasn't only a sleeper. It was well known that he chased the women. One thing, however, could be said for him: he didn't go after the Kreshev maidens. His escapades were always with young peasant girls from the neighboring villages. The attraction that he had for these women seemed almost unnatural. The beer drinkers at the local tavern maintained that Mendel had only to gaze at one of these girls and she would immediately come to him. It was known that more than one had visited him in his attic. Naturally the peasants didn't like this and Mendel had been warned that one of these days they would chop off his head, but he ignored these threats and wallowed deeper and deeper in carnality. There wasn't a village that he had visited with Reb Bunim where he didn't have his "wives" and families. It almost seemed true that a whistle from him was sufficient sorcery to bring some girl flying to his side. Mendel, however, didn't discuss his power over women. He drank no whiskey, avoided fights, and stayed away from the shoemakers, tailors, hoopers and brushmakers that comprised the poorer population of Kreshev. Nor did they regard him as one of them. He didn't even bother much about money. Reb Bunim, it was said, supplied him with room and board only. But when a Kreshev teamster wanted to hire him and pay him real wages, Mendel remained loyal to the house of Reb Bunim. He apparently did not mind being a slave. His horses and his boots, his pigeons and his girls were the only things that concerned him. So the townspeople gave up on Mendel the coachman.

"A lost soul," they commented. "A Jewish Gentile."

And gradually they became accustomed to him and then forgot him.

# די תנאים

ווען ליסע איז אַלט געווען פופצן יאָר, האָט מען איר אָנגעהויבן רעדן שידוכים. אַזוי ווי גנענדל איז געווען קראַנק און דערצו איז אָפּט געווען מחלוקת צווישן ר׳ גימפּלען און זיין ווייב, האָט ר׳ גימפּל אַליין זיך דורכגעשמועסט וועגן דעם מיט דער טאָכטער. ווען דער פאָטער האָט גערעדט מיט ליסען וועגן אַ מאַן, האָט זי זיך שטאַרק פאַרשעמט און געענטפערט:

— זאָל דער טאַטע טון ווי דער טאַטע פאַרשטייט! . . .

— מ׳רעדט דיר צוויי שידוכים — האָט איינמאָל ר׳ גימפּל צו איר געזאָגט — איינעם פון לובלין און איינעם פון וואַרשע. דער חתן פון לובלין איז אַ גביריש קינד, אָבער נישט קיין למדן. דער חתן פון וואַרשע איז אַן עלוי און אַ קענער, אָבער אַ קבצן אין זיבן פאָלעס . . . נו, זאָג: וועמען ווילסטו בעסער? . . .

— וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען געלט? — האָט ליסע געענטפערט און איינגעבויגן דעם קאָפּ. — געלט קען מען פאַרלירן, און קענטעניש בלייבט . . .

— ווילסטו, הייסט עס, דעם וואַרשעווער? — האָט ר׳ גימפּל זי געפרעגט און אַ גלעט געטון די לאַנגע שוואַרצע באָרד.

— דער טאַטע ווייסט אַליין — האָט זי געמורמלט.

— די מעשה איז אָבער וואָס דער לובלינער איז אַ שיינער . . . ער איז אַ הויכער און אַ ווייסער . . . דער וואַרשעווער איז גאָר־גאָר אַ נידעריקער . . . קלענער פון דיר מיט אַ קאָפּ . . .

ליסע האָט אָנגענומען ביידע צעפּ. איר פּנים איז געוואָרן רויט און באַלד דערנאָך ווייס. זי האָט פאַרביסן די דינע ליפּן.

— וואָס ענטפערסטו, טאָכטער? האָט ר׳ גימפּל געפרעגט. — שעם דיך נישט! . . .

— וואו איז ער? . . . כ׳מיין, וואָס טוט ער? . . . כ׳וויל זאָגן: וואו לערנט ער? — האָט ליסע געשטאַמלט און די קני האָבן איר גענומען ציטערן פון בושה.

— מיינסט דעם וואַרשעווער? . . . ער איז, לא עליכם, אַ יתום . . . ער לערנט איצט אין דער צוזמירער ישיבה . . . מ׳זאָגט, אַז ר׳האָט ש״ס אויפן קאָפּ . . . ר׳איז אויך אַ מקובל און אַ חוקר . . . ר׳האָט געשריבן אַ פּירוש אויפן רמב״ם, אָדער אויפן רמב״ן . . . כ׳געדענק שוין אַליין נישט! . . .

— יאָ, האָט ליסע געמורמלט.

— מיינסט, דו ווילסט אים? . . .

— יאָ, כ׳מיין . . . אויב דער טאַטע איז מסכים . . .

זי האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. ר׳ גימפּל האָט איר נאָכגעקוקט. ער האָט געהאַט נחת פון איר: זי איז געווען אַ יפת־תואר, אַ צנועה און אַ קענערין. דערצו איז זי געווען מער צוגעבונדן צו אים ווי צו דער מוטער. כאָטש זי איז שוין געווען אַ דערוואַקסענע, פלעגט זי אים קושן און קעמען די באָרד מיט די פינגער. פרייטיק, איידער ער איז געגאַנגען אין מרחץ אַריין, האָט זי אים דערלאַנגט אַ קלאָר העמד. פאַר ליכט־צינדן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון באָד, האָט זי אים אַקעגנגעטראָגן אַ פריש־געבאַקן קיכל און אַ טעצל מיט פלוימען־צימעס. ער האָט זי קיינמאָל נישט געהערט לאַכן הויך, ווי אַנדערע מוידן, און זי האָט זיך פאַר אים נישט אויסגעטון באָרוויס. שבת נאָכן טשאָלנט, ווען ער האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן, איז זי אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער. ווען ער איז געווען נישט געזונט, האָט זי אָפּט אָנגעטאַפּט זיין שטערן צו זען, אויב ער האָט נישט קיין היץ, און אים צוגעטראָגן אַלערליי רפואות און דערקוויקענישן. ר׳ גימפּל האָט נישט איינמאָל מקנא געווען דעם יעניקן, וואָס וועט זי אָנקריגן פאַר אַ ווייב.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען זיך דערוואוסט אין קרעשעוו, אַז אַ חתן איז געקומען צו פאָרן צו ליסען. ער איז אָנגעקומען אַליין, אויף אַ פויערישער פור און זיך אָפּגעשטעלט ביים קרעשעווער רב, ר׳ עוזרל. די לייט זענען ווילד פאַרחידושט געוואָרן, ווען מען האָט דערזען דעם אָרעם־בחור. ער איז געווען אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט שוואַרצע צעשויבערטע פּאות, מיט אַ בלייך פּנימל און אַ שפּיציקן קין, אויף וועלכן עס זענען געוואַקסן עטלעכע הערעלעך. אַ זשופּיצע האָט ער געטראָגן אַ לאַנגע, ביז איבער די קנעכלען, און ס׳האָט אַרויסגעקוקט פון איר די זאַק־לייוונט. דער רוקן איז געווען אָנגעבויגן. אַ גאַנג האָט ער געהאַט אַ גיכן און אַ מבוהלדיקן. ער האָט דערמאָנט אָן אַ יונגנמאַן, וואָס פאַרט אַרום אַרויסנעמען אַ היתר ממאה רבנים, אָדער גאָר אַ פּרוש. די קרעשעווער מיידלעך זענען צוגעלאָפן צו די פענצטער און נייגעריק נאָכגעקוקט דעם פרעמדן. אין בית־מדרש האָבן בעלי־בתים און בחורים זיך געאיילט אים אָפּצוגעבן שלום־עליכם. ער האָט גלייך אָנגעהויבן רעדן קליגעריש און מיט לומדישע גלייכווערטלעך, אויפן גרויס־שטאָטישן שטייגער.

## III
*The Articles of Engagement*

As soon as Lise turned fifteen, conjecture began about whom she would marry. Shifrah Tammar was sick, and relations between her and Reb Bunim were strained, so Reb Bunim decided to discuss the matter with his daughter. When the subject was mentioned, Lise became shy and would reply that she would do what her father thought best.

"You have two possibilities," Reb Bunim said during one of these conversations. "The first is a young man from Lublin who comes of a very wealthy family but is no scholar. The other is from Warsaw and a real prodigy. But I must warn you that he doesn't have a cent. Now speak up, girl. The decision is up to you. Which would you prefer?"

"Oh, money," Lise said scornfully. "What value does it have? Money can be lost, but not knowledge." And she turned her gaze downward.

"Then, if I understand you correctly, you prefer the boy from Warsaw?" Reb Bunim said, stroking his long, black beard.

"You know best, Father," Lise whispered.

"One thing in addition that I should mention," he went on, "is that the rich man is very handsome—tall and with blond hair. The scholar is extremely short—a full head shorter than you."

Lise grasped both of her braids and her face turned red and then quickly lost all color. She bit her lip.

"Well, what have you decided, daughter?" Reb Bunim demanded. "You mustn't be ashamed to speak."

Lise began to stammer and her knees trembled from shame. "Where is he?" she asked. "I mean, what does he do?" Where is he studying?"

"The Warsaw boy? He is, may God preserve us, an orphan, and he is at present studying at the Zusmir yeshiva. I am told that he knows the entire Talmud by heart and that he is also a philosopher and a student of the Cabala. He has already written a commentary on Maimonides, I believe."

"Yes," Lise mumbled.

"Does that mean that you want him?"

"Only if you approve, Father."

And she covered her face with both of her hands and ran from the room. Reb Bunim followed her with his eyes. She delighted him—her beauty, chastity, intelligence. She was closer to him than to her mother, and although almost fully grown, would cuddle close to him and run her fingers through his beard. Fridays before he went off to the bathhouse she would have a clean shirt ready for him and on his return before the lighting of the candles she would serve him freshly baked cake and plum stew. He never heard her laughing raucously as did the other young girls nor did she ever go barefoot in his presence. After the Sabbath meal, when he napped, she would walk on tiptoe so as not to wake him. When he was ill, she would put her hand on his forehead to see whether he had fever and would bring all sorts of medicine and tidbits. On more than one occasion Reb Bunim had envied the happy young man who would have her as a wife.

Some days later the people of Kreshev learned that Lise's prospective husband had arrived in town. The young man came in a wagon by himself and he stayed at the house of Rabbi Ozer. Everyone was surprised to see what a scrawny fellow he was, small and thin, with black tousled sidelocks, a pale face and a pointed chin which was barely covered by a few sparse whiskers. His long gaberdine reached to below the ankles. His back was bent and he walked rapidly and as if he didn't know where he was going. The young girls crowded to the windows and watched him pass by. When he arrived at the study house, the men came up to greet him and he immediately began to expatiate in the cleverest possible way. There was no mistaking that this man was a born city dweller.

— אַ כרך, קרעשעוו! — האָט ער אַ זאָג געטון. — ישיבת כרכים קשה! . . .

— צו וואַרשע קומט עס ניש׳! — האָט אַ בחור אַריינגעוואָרפן.

— וואָס איז די נפקא־מינה? . . . סדנא דארעא חד הוא! . . .

ער האָט געשאָטן מיט בבלי און ירושלמי. ער האָט דערציילט די בחורים און די יונגעלייטלעך, די קעסט־קינדער, אַלערליי שמועות פון דער וועלט. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַליין געזען דעם פריץ ראַדזשיוויל און אַז ער האָט געקאָנט אַ שבתי־צביניק. ער האָט געזאָגט, אַז אין וואַרשע איז דאָ אַ משומד, וואָס לערנט יעדן טאָג גמרא מיט תוספות, און אַז ער האָט זיך געטראָפן מיט אַ ייד, וואָס שטאַמט פון שושן־הבירה. ער האָט אויך געקאָנט פרעגן אַלערליי רעטענישן און האָט נאָכגעזאָגט חכמהלעך פון רבי ר׳ העשל. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בחור קאָן שפּילן שאָך, אויפמאָלן אַ „שויתי" מיט לייבן פון ביידע זייטן לוחות און מיט די צוועלף מזלות. ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו שרייבן אַ שיר אויף לשון־קודש, וואָס זאָל זיך לייענען גלייך פון רעכטס און לינקס, אויבן און אונטן, און אויסצורעכענען די תשבורת, וואָס מ׳דאַרף האָבן צו מסכת כלאים, עירובין און סוכה. דערצו האָט מען איינגעזען, אַז דער בחור קען חקירה און אַפילו קבלה. ער האָט אַריינגעקוקט אין זהר און אין עץ־החיים, אין מורה־נבוכים און אין תורת־העולה פון רמ״א. עטלעכע טעג נאָכדעם ווי ער איז אָנגעקומען קיין קרעשעוו האָט ר׳ גימפּל אים אויסגעקליידט אין אַ נייער זשופּיצע, אין פּאַנטאָפל מיט ווייסע זאָקן, און אים געגעבן אַ גילדערנעם זייגער. דער בחור האָט אַפילו אַרונטערגעקעמט דאָס שפּראָצנדיקע בערדל און אָנגעקרייזלט די פּאות. ליסע האָט אים נישט געזען ביז די תנאים, אָבער זי האָט געהערט פון זיין וואוילקענעוודיקייט און זי איז פּאָרויס געווען שטאָלץ וואָס זי האָט אויסגעקליבן אים, און נישט דעם בחור פון לובלין.

די תנאים זענען געווען רוישיק, ווי אַ חתונה. אַ האַלב שטעטל איז פאַרבעטן געוואָרן אויף דער שמחה. ווי ס׳פירט זיך, זענען די מאַנסלייט געזעסן באַזונדער און די ווייבער באַזונדער. דער חתן — שלמהלע האָט מען אים גערופן —האָט געזאָגט אַ שאַרף פּשטל און זיך געחתמעט מיט אַ געציקלטער שריפט און מיט אַ לאַנגן געדרייטן עק. די לומדים פון שטעטל האָבן געפּרואווט מיט אים שמועסן אין לערנען, אָבער עס איז שווער געווען צו דעריאָגן זיין בקיאות און חריפות. אין מיטן די תנאים, פאַר דער סעודה, האָט ר׳ גימפּל געבראָכן דעם מנהג, אַז חתן כלה זאָלן זיך נישט זען ביז צו דער חתונה, און אַריינגעפירט דעם חתן אין דער כלהס חדר זיי זאָלן זיך אָנקוקן, וואָרום אין דער אמתן טאָר אַ מאַן לויטן דין נישט מקדש זיין קיין אשה ביז וואַנען ער זעט זי. ביי שלמהלען איז די קאַפּאָטע געווען צעקנעפּלט און עס האָט אַרויסגעקוקט דאָס זיידענע וועסטל מיט דעם גילדערנעם קייטל, וואָס האָט זיך איבער דעם געבאָמבלט. די האַלבע שיך זענען געווען גרויס־שטאָטיש אָפּגעפּוצט. אויפן שפּיץ קאָפּ איז געזעסן אַ סאַמעטענע יאַרמולקע. דער הויכער שטערן איז געווען פייכט, די באַקן — אָנגערויטלט, די טונקעלע אויגן האָבן געקוקט האַלב־פאַרשעמטע, האַלב־נייגעריקע. מחמת גרויס פאַרטועכקייט, האָט ער כסדר געדרייט אַרום דעם ווייז־פינגער אַ פראַנדז פון גאַרטל. ליסע איז געוואָרן זייער רויט, ווען זי האָט אים דערזען. זי האָט געהאַט געהערט דאָס ער איז אַ מיאוסער, אָבער אין אירע אויגן איז ער געווען מלא־חן. אויך די מיידלעך, וואָס זענען געווען דערביי, האָבן דערנאָך געזאָגט דאָס דער חתן איז שיין געוואָרן. ר׳ גימפּל האָט אַ גלעט געטון אַ שפּיץ פון דער לאַנגער שוואַרצער באָרד.

— דאָס איז די כלה! — האָט ער געזאָגט. — שעם דיך נישט! . . . קוק זי אָן! . . .

ליסע איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ זיידן קלייד. אויף איר האַלדז האָט געהאָנגען אַ שנור פּערל, וואָס זי האָט באַקומען חתימה־געלט. קעגן דער שיין פון די ליכט האָבן אירע האָר אָפּגעשלאָגן כמעט רויט. איר שטערן איז געווען הויך, העכער ווי געוויינלעך ביי מיידלעך, און די נאָז האָט געהאַט אַ ביינדל אין מיטן. אויף אַ פינגער אין דער לינקער האַנט איז געזעסן אַ פינגערל און עס איז דערויף געווען אויסגעקריצט אַ מם, דאָס ערשטע אות פון מזל־טוב. זי האָט געהאַלטן אַן אויסגעהאָפטן נאָז־טיכל, נאָר ווען שלמהלע איז אַריינגעקומען, האָט זי עס אַראָפּגעלאָזט. אַ חברטע האָט עס איר אויפגעהויבן.

— גוטן אָוונט — האָט שלמהלע געזאָגט.

— גוט יאָר — האָבן מיט איין מאָל געענטפערט די כלה און אירע צוויי חברטעס.

— ס׳איז הייס! — האָט שלמהלע זיך אָנגערופן.

— יאָ, ס׳איז הייס! — האָבן די דריי מיידלעך געענטפערט אין איין קול.

"Well, you really have some metropolis here," the young man observed.

"No one's claiming that it's Warsaw," one of the town boys commented.

The young cosmopolitan smiled. "One place is pretty much like another," he pointed out. "If they're on the face of the earth, they're all the same."

This said, he began to quote literally from the Babylonian Talmud and the Talmud of Jerusalem, and when he was finished with that, he entertained everyone with news about what was going on in the great world beyond Kreshev. He wasn't himself personally acquainted with Radziwill but he had seen him and he did know a follower of Sabbatai Zevi, the false Messiah. He also had met a Jew who came from Shushan, which was the ancient capital of Persia, and another Jew who had become a convert and studied the Talmud in secret. As if this weren't enough, he began to ask those assembled the most difficult of riddles and, when he tired of that, amused himself by repeating anecdotes of Rabbi Heshl. Somehow or other he managed to convey the additional information that he knew how to play chess, could paint murals employing the twelve signs of the zodiac, and write Hebrew verse which could be read either backwards or forwards and said exactly the same thing no matter how you read it. Nor was this all. This young prodigy, in addition, had studied philosophy and the Cabala, and was an adept in mystical mathematics, being able even to work out the fractions which are to be found in the treatise of Kilaim. It goes without saying that he had had a look at the Zohar and *The Tree of Life* and he knew *The Guide to the Perplexed* as well as his own first name.

He had come to Kreshev looking ragged, but several days after his arrival Reb Bunim outfitted him in a new gaberdine, new shoes, and white stockings, and presented him with a gold watch. And now the young man began to comb his beard and curl his sidelocks. It was not until the signing of the contract that Lise saw the bridegroom, but she had received reports of how learned he was and she was happy that she had chosen him and not the rich young man from Lublin.

The festivities to celebrate the signing of the engagement contract were as noisy as a wedding. Half the town had been invited. As always, the men and women were seated separately and Shloimele, the groom-to-be, made an extremely clever speech and then signed his name with a brilliant flourish. Several of the town's most learned men tried to converse with him on weighty subjects, but his rhetoric and wisdom were too much for them. While the celebration was still going on, and before the serving of the banquet, Reb Bunim broke the usual custom that the bride and groom must not meet before the marriage and let Shloimele into Lise's chamber since the true interpretation of the law is that a man not take a wife unless he has seen her. The young man's gaberdine was unbuttoned, exposing his silk vest and gold watch chain. He appeared a man of the world with his brightly polished shoes and velvet skullcap perched on the top of his head. There was moisture on his high forehead and his cheeks were flushed. Inquisitively, bashfully, he gazed about him with his dark eyes, and his index finger kept twining itself nervously around a fringe of his sash. Lise turned a deep red when she saw him. She had been told that he was not at all good-looking but to her he seemed handsome. And this was the view of the other girls who were present. Somehow or other Shloimele had become much more attractive.

"This is the girl you are to marry," Reb Bunim said. "There's no need for you to be bashful."

Lise had on a black silk dress and around her neck was a string of pearls, which was the present she had been given for this occasion. Her hair appeared almost red under the glow of candlelight, and on the finger of her left hand she wore a ring with the letter "M" inscribed upon it, the first letter of the words *mazel tov*. At the moment of Shloimele's entrance she had been holding an embroidered handkerchief in her hand but upon seeing him it had fallen from her fingers. One of the girls in the room walked over and picked it up.

"It's a very fine evening," Shloimele said to Lise.

"And an excellent summer," answered the bride and her two attendants.

"Perhaps it's a trifle hot," Shloimele observed.

"Yes, it is hot," the three girls answered again in unison.

מיט אַ ניגון. — די גמרא זאָגט: חמרא בתקופת תמוז קרירא ליה . . . דער טייטש דערפון איז . . .

— כ׳ווייס! — האָט ליסע זיך געאײַלט אָפּצוענטפערן. — אַן אייזל איז קאַלט אַפילו אין חודש תמוז . . .

— אָוואַ, אַ תלמיד־חכם! — האָט שלמהלע אַ זאָג געטון פאַר־וואונדערט און די שפּיצן אויערן האָבן זיך אים אָנגעצונדן.

דער שמועס איז באַלד איבערגעהאַקט געוואָרן. יידן און ווייבער האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דעם חדר. דעם קרעשעווער רב, ר׳ עוזרלען, איז נישט געפעלן וואָס חתן־כלה פאַרברענגען צווישן זיך, און ער האָט געהייסן מ׳זאָל זיי פונאַנדערשיידן. מ׳האָט שלמהלען באַלד צוריקגעפירט צו די מאַנסלייט און די מאָלצייט האָט געדויערט ביזן ווייסן טאָג אַרײַן.

ד

## די ליבשאַפט

פון דער מינוט אָן וואָס ליסע האָט געזען שלמהלען האָט זי אים ליב באַקומען מיט אַ גרויסער ליבשאַפט. צומאָל האָט זיך איר אויסגעדוכט דאָס זי האָט שוין געזען זיין געשטאַלט אין חלום, גלייך דער בעל־החלומות וואָלט איר געוויזן פאָרויס איר זיווג. אַן אַנדער מאָל איז איר פאָרגעקומען גלייך זי וואָלט שוין אַמאָל, אין אַן אַנדערן גלגול, געווען זיין ווייב. דער אמת איז, דאָס איך, דער יצר־הרע, האָב געדאַרפט האָבן די ליבשאַפט פאַר מיינע תחבולות. באַנאַכט, ווען ליסע איז געשלאָפן, האָב איך אים געבראַכט צו איר און זי האָט מיט אים געשמועסט, און ער האָט זי געקושט און זי אָנגערופן מיט צערטלעכע נעמען. בײַטאָג זיינען אירע טראַכטענישן געווען פאַרנומען נייערט מיט אים. זי האָט גערעדט צו אים און ער האָט איר געענטפערט. זי האָט פאַר אים אויפגעדעקט די פאַרבאָרגענישן פון האַרץ און ער האָט זי געטרייסט און איר געזאָגט די ליב־ווערטער, וואָס זי האָט געגאַרט צו הערן. ווען זי האָט אָנגעטון אַ קלייד, אָדער אַ העמד, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט דאָס איר חתן, שלמהלע, קוקט אויף איר, און זי האָט זיך פאַר אים געשעמט און געהאַט פאַרגעניגן וואָס איר הויט איז ווייס און גלאַט ווי אַטלעס. צומאָל האָט זי אים געפרעגט די קשיות, וואָס האָבן זי נישט געלאָזט צורו פון קינדווייז אָן. זי האָט, צום ביישפּיל, געזאָגט צו אים: שלמהלע, ווי הויך איז דער הימל? ווי טיף איז די ערד? וואָרום איז זומער הייס און ווינטער קאַלט? פאַרוואָס דאַוונען די מתים בײַנאַכט אין שול? ווי קען מען זען אַ שד? האָסטו שוין אַמאָל גע־טראָפן אַן אַפּיקורס? וואָרום זעט מען אין שפּיגל די אייגענע צורה? און זי האָט זיך אויסגעמאָלט דאָס ער גיט איר באַשייד אויף יעדער שאלה. אַן אַנדער מאָל האָט זי געזאָגט צו אים אין איר דמיון: שלמהלע, האָסטו מיך וואָרהאַפטיק ליב? און ער האָט איר כלומרשט פאַרטרויט דאָס קיין שום בתולה איז נישט אַזוי שיין ווי זי. זי האָט זיך אויסגעמאָלט, דאָס זי טרינקט זיך אין טייך סאַן און שלמהלע ראַטעוועט זי, און דאָס זי ווערט געפאַנגען פון שלעכטע מענטשן, און ער לייזט זי אויס, און נאָך ענלעכע דמיונות, וואָס פילן־אָן די געהירן פון די יעניקע, וואָס זענען פאַרנאַרישט אין ליבע.

נו, האָט איר פאָטער, ר׳ גימפּל, אָפּגעלייגט דעם זמן־חתונה ביז שבת נאָך שבועות, און ליסע האָט געמוזט וואַרטן קנאַפּע דריי פערטל יאָר. אין איר אומגעדולד האָט זי באַגריפן ווי שווער עס איז געווען פאַר יעקב אבינו צו וואַרטן די זיבן יאָר ביז ער האָט באַקומען רחלען. שלמהלע איז געבליבן וואוינען ביים רב און מען האָט אים ערשט גע־זאָלט פאַרבעטן צום מחותן אויף חנוכה. ליסע איז אָפט געשטאַנען ביים פענצטער אויפן גאָרן און אַרויסגעקוקט אפשר וועט זי אים דערזען, אָבער דער וועג פון רבס הויז צום בית־מדרש האָט נישט געפירט פאַרביי ר׳ גימפּלס הויז. די מיידלעך, וואָס זענען געקומען צו איר, האָבן אים גראָד יאָ באַגעגנט. איינע האָט געזאָגט, דאָס ער איז אַביסל אונטער־געוואַקסן. אַן אַנדערע האָט דערציילט דאָס ער לערנט אין בית־מדרש שיעור מיט בחורים. אַ דריטע האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דאָס די רביצין גיט אים נישט גוט צו עסן און ער זעט אויס מאָגער. פון שעמעוודיקייט האָט ליסע נישט אַ סך אויסגעפרעגט די מוידן, אָבער איר פּנים האָט אויפגעפלאַמט יעדעס מאָל וואָס זי האָט דערהערט זיין נאָמען. כדי וואָס גיכער איבערצוקומען דעם ווינטער, האָט ליסע גענומען אויס־העפטן פאַר איר חתן אַ תפילין־זעקל און אַ חלה־טישטוכל. דאָס תפילין־זעקל איז געווען פון שוואַרצן סאַמעט און זי האָט דערויף אויסגענייט אַ גילדערנעם מגן־דוד, ווי אויך דעם נאָמען פון חתן און דאָס יאָר מיטן חודש, אַלץ מיט גילדערנע אותיות. נאָך מער האָט זי זיך געפלייסט ביי דעם חלה־טישטוכל. עס זענען אויף דעם געוואַנט געווען אויסגע־האַפטן צוויי קוילעטשן און אַ בעכער. די ווערטער שבת־קודש האָט זי אויסגענייט מיט זילבערנע פעדים. אין די פיר ווינקלען זענען געווען די צורות פון אַ הירש, אַ לייב, אַ לעמפּאַרט און אַן אָדלער. די זוימען

"Do you think the fault is mine?" Shloimele asked in a sort of singsong. "It is said in the Talmud . . ."

But Shloimele didn't get any further as Lise interrupted him. "I know very well what the Talmud says. 'A donkey is cold even in the month of Tammuz.' "

"Oh, a Talmudic scholar!" Shloimele exclaimed in surprise, and the tips of his ears reddened.

Very soon after that, the conversation ended and everyone began to crowd into the room. But Rabbi Ozer did not approve of the bride and groom meeting before the wedding, and he ordered them to be separated. So Shloimele was once more surrounded only by men and the celebration continued until daybreak.

## IV
## *Love*

From the very first moment that she saw him Lise loved Shloimele deeply. At times she believed that his face had been shown to her in a dream before the marriage. At other times she was certain that they had been married before in some other existence. The truth was that I, the Evil Spirit, required so great a love for the furtherance of my schemes.

At night when Lise slept I sought out his spirit and brought it to her and the two of them spoke and kissed and exchanged love tokens. All of her waking thoughts were of him. She held his image within her and addressed it, and this fiction within her replied to her words. She bared her soul to it, and it consoled her and uttered the words of love that she longed to hear. When she put on a dress or a nightgown she imagined that Shloimele was present, and she felt shy and was pleased that her skin was pale and smooth. Occasionally she would ask this apparition those questions which had baffled her since childhood: "Shloimele, what is the sky? How deep is the earth? Why is it hot in summer and cold in the winter? Why do corpses gather at night to pray in the synagogue? How can one see a demon? Why does one see one's reflection in a mirror?"

And she even imagined that Shloimele answered each of these questions. There was one other question that she asked the shadow in her mind: "Shloimele, do you really love me?"

Shloimele reassured her that no other girl was equal to her in beauty. And in her daydreams she saw herself drowning in the river San and Shloimele rescued her. She was abducted by evil spirits and he saved her. Indeed, her mind was all daydreams, so confused had love made her.

But as it happened, Reb Bunim postponed the wedding until the Sabbath after Pentecost and so Lise was forced to wait nearly three-quarters of a year longer. Now, through her impatience, she understood what misery Jacob had undergone when he had been forced to wait seven years before marrying Rachel. Shloimele remained at the rabbi's house and would not be able to visit Lise again until Hanukkah. The young girl often stood at the window in a vain attempt to catch a glimpse of him, for the path from the rabbi's to the study house did not pass Reb Bunim's. The only news that Lise received of him was from the girls who came to see her. One reported that he had grown slightly taller and another said that he was studying the Talmud with the other young men at the study house. A third girl observed that obviously the rabbi's wife was not feeding Shloimele properly, as he had become quite thin. But out of modesty Lise refrained from questioning her friends too closely; nevertheless, she blushed each time her beloved's name was mentioned. In order to make the winter pass more quickly, she began to embroider for her husband-to-be a phylactery bag and a cloth to cover the Sabbath loaf. The bag was of black velvet, upon which she sewed in gold thread a star of David along with Shloimele's name and the date of the month and year. She took even greater pains with the tablecloth, on which were stitched two loaves of bread and a goblet. The words "Holy Sabbath" were done in silver thread, and in the four corners the heads of a stag, a lion, a leopard, and an eagle were embroidered. Nor did she

זענען געווען באַדעקט מיט פּאַטשערקעס פון אַלערליי קאָלירן און עס האָבן פון זיי אַרויסגעשטאַרצט פראַנזן און טראָלדן. די כלה־מיידלעך פון קרעשעוו האָבן זיך געוואונדערט ווי געשיקט ליסע האָט דאָס אַלץ געטון און זענען געקומען נעמען ביי איר אַ מוסטער.

זינט ליסע איז געוואָרן אַ כלה, איז איר פּנים געוואָרן אויסטערליש שיין. איר הויט איז געווען בלאַס און אויסגעאיידלט. די אויגן האָבן געקוקט ערגעץ ווייט פאַר זיך. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די שטובן מיט שטילע טריט, ווי אַ נאַכט־וואַנדלערין. טיילמאָל האָט זי אָן שום סיבה געשמייכלט. זי איז שעהן לאַנג אָפּגעשטאַנען ביים שפּיגל און געקעמט די האָר און עפּעס געמורמלט צו דעם אָפּבילד, ווי אַ פאַרכשופטע. ווען עס איז אַריינגעקומען אַן אָרימאַן, האָט זי אים אַקעגנגעטראָגן די נדבה און גערעדט צו אים פריינטלעכע רייד. נאָך יעדן מאָלצייט איז זי אַליין אַוועק אין הקדש און געבראַכט די אָרימעלייט און קראַנקע געקעכטס און פליישׁ. זיי האָבן איר געדאַנקט און געוואונטשן:

— אם ירצה השם ביי דער גילדערנער יויך! . . .

און ליסע האָט שטילערהייט געענטפערט: אמן.

מחמת זי האָט נישט געהאַט וואָס צו טון, האָט זי אָפּט אַרומגע־נישטערט אין איר פאָטערס אַלמער און געקוקט אין ספרימלעך. נו, איז דאָרט געווען אַ ספרל אויף עברי־טייטש. דאָס ספרל האָט געהייסן חופּת־חתנים. עס זענען דערין געווען באַשריבן די דינים ווי אַ כלה דאַרף זיך ריייניקן פאַר דער חתונה, און אָפּציילן טעג און גיין אין מקוה אַריין. עס זענען אויך געווען אויסגערעכנט די מנהגים פון דער חתונה און שבע־ברכות און ווי מאַן־און־ווייב דאַרפן זיך אויפפירן, און נאָך פיל אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן צו טון מיט שאלות נשים. אויבוואויל ליסע האָט שוין געאַנט וועגן דער נאָענטקייט צווישן מאַן־און־ווייב און האָט צומאָל צוגעזען ווי עס פּאָרן זיך עופות און אַנדערע באַשעפענישן, האָבן די דינים און די מעשיות אַרויסגערופן אין איר גרויס נייגיר. זי האָט געהאַלטן אין איין אַריינקלערן וועגן די ענינים און ביינאַכט האָט זי זיך געוואָרפן אויפן געלעגער און נישט געקאָנט אַנטדרימלט ווערן. זי איז אויך געוואָרן זייער שעמעוודיק, מער ווי געווייינלעך. טיילמאָל פלעגט זי פּלוצלינג באַשלאָגן אַ היץ. דאָס פּנים האָט איר געגומען פלאַמען און די שטוב־לייט האָבן זי אָפּגעשפּיגן, וואָרום זיי האָבן גערעכנט דאָס מ'האָט איר געטון אַ בייז אויג. זי איז רויט געוואָרן, ווען מען האָט דערמאָנט איר חתן, און אַפילו אַן אַנדערן יונגנמאַן, אויב זיין נאָמען איז געווען שלמה, אָדער שלמהלע. דאָס ספרל האָט זי זאָר־געוודיק באַהאַלטן. עס זיינען זי באַפאַלן אַלערליי שרעקן און פאַרדאַכטן. ס'איז באַלד דערגאַנגען דערצו, אַז סיי זי האָט געלעכצט חתונה צו האָבן, סיי זי האָט געהאַט פורכט פאַר דער חתונה־נאַכט. דערווייל האָט געגענדל, דער כלהס מוטער, גענומען צוגרייטן דעם אויסשטייער. וואָרום אויבוואויל מוטער און טאָכטער האָבן שטילערהייט געלעבט צווישן זיך נישט גוט, האָט געגענדל פונדעסטוועגן געוואָלט, אַז איר בת־יחידהס חתונה זאָל אַרויסקומען גביריש, און אַז עס זאָל זיין אַ שמחה די לייט זאָלן האָבן צו געדענקען.

## ח
## די חתונה

די חתונה איז געווען אַ גרויסאַרטיקע. דער כלהס קליידער זענען גענייט געוואָרן פון לובלינער שניידערס. דער כלהס וועש איז געווען פון זייד. וואָכן לאַנג זענען נייטאָרינס געזעסן אין ר' גימפּלס הויז און אויסגעהאָפטן שפּיצעלעך אויף דער כלהס העמדער, קאָפּטלעך און אונטערוועש. דאָס חופּה־קלייד איז געווען פון ווייסן אַטלעס, און געהאַט אַ שלעפּ פיר איילן די לענג. דער שלייער איז געווען פון אײדלסטן האַפּט. די קעכינס האָבן אָפּגעבאַקן אַ חלה, וואָס איז געווען געפלאָכטן פוןביידע זייטן, און איז געווען כמעט אַזוי גרויס ווי אַ מענטש. מ'האָט נאָך אַזאַ קוילעטש אין קרעשעוו נישט געזען. ר' גימפּל האָט געלאָזט קוילען צו דער חתונה קעלבער, שעפּסן, הינער, געגנדז, קאַטשקעס און קאַפּ־הענער. די פישער האָבן אייגנס געכאַפּט פיש אין טייך סאַן. דער שטאָטישער שענקער האָט צוגעשטעלט מעד און אונגאַרישן וויין. אין דעם טאָג פון דער חתונה האָט ר' גימפּל געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר די אָרימעלייט פון קרעשעוו. עס זענען אויך אָנגעקומען ארחי־פרחי פון דער געגנט אַרום. מ'האָט אַוועקגעשטעלט טישן און בענק אין מיטן גאַס און די אָרימעלייט האָבן באַקומען ווייסע חלה, געפילטן קאַרפּ, עסיק־פלייש, אינגבערלעך, קוואָרטן ביר. כלי־זמר האָבן געשפּילט פאַר די קבצנים, דער בדחן האָט געזאָגט בדחנות, און די פריילעכע דליתים האָבן זיך

forget to line the seams of the cloth with beads of various colors and she decorated the edges with fringes and tassels. The girls of Kreshev were overwhelmed by her skill and begged to copy the pattern she had used.

Her engagement had altered Lise: she had become even more beautiful. Her skin was white and delicate; her eyes gazed off into space. She moved through the house with the silent step of a somnambulist. From time to time she would smile for no reason at all, and she would stand in front of the mirror for hours on end, arranging her hair and speaking to her reflection as though she had been bewitched. Now if a beggar came to the house she received him graciously and gladly offered him alms. After every meal she went to the poorhouse, bringing soup and meat to the ill and indigent. The poor unfortunates would smile and bless her: "May God grant that you soon eat soup at your wedding."

And Lise quietly added her own "Amen."

Since time continued to hang heavy on her hands, she often browsed among the books in her father's library. There she came across one entitled *The Customs of Marriage* in which it was stated that the bride must purify herself before the ceremony, keep track of her periods and attend the ritual bath. The book also enumerated the wedding rites, told of the period of the seven nuptial benedictions, admonished husband and wife on their proper conduct, paying particular attention to the woman and setting forth a myriad of details. Lise found all of this very interesting since she already had some idea of what went on between the sexes and had even witnessed the love-play of birds and animals. She began to meditate carefully on what she had read, and spent several sleepless nights deep in thought. Her modesty became more intense than it had ever been before, and her face grew flushed and she became feverish; her behavior was so strange that the servant thought she had been bewitched by the evil eye, and sang incantations to cure her. Every time the name of Shloimele was mentioned, she blushed—whether she was included in the reference or not; and whenever anyone approached, she concealed the book of instructions she was forever reading. What was more, she became anxious and suspicious and soon she had got herself into such a state that she both looked forward to the day of marriage and turned away in dread. But Shifrah Tammar just went on preparing her daughter's trousseau. Though estranged from her daughter, she nevertheless wanted the wedding to be so magnificent that the event would live on for years in the minds of the people of Kreshev.

## V
## *The Wedding*

The wedding was indeed a grand one. Dressmakers from Lublin had made the bride's garments. For weeks there had been seamstresses at Reb Bunim's house, embroidering and stitching lace on nightgowns, lingerie, and shirtwaists. Lise's wedding gown had been made of white satin and its train was a full four cubits in length. As for food, the cooks had baked a Sabbath loaf which was almost the size of a man and was braided at both ends. Never before had such a bread been seen in Kreshev. Reb Bunim had spared no expense; at his order, sheep, calves, hens, geese, ducks, capons had been slaughtered for the wedding feast. There was also fish from the river San and Hungarian wines and mead supplied by the local innkeeper. The day of the wedding Reb Bunim commanded that the poor of Kreshev be fed, and when word got around an assortment of riffraff from the neighboring district drifted into town to surfeit themselves also. Tables and benches were set up in the street and the beggars were served white Sabbath loaves, stuffed carp, meat stewed in vinegar, gingerbread and tankards of ale. Musicians played for the vagrants and the traditional wedding jester entertained them. The

אָנגענומען אין אַ רעדל, געטאַנצט, געהאָפּסעט אין מיטן מאַרק און געזונגען, אַז די אויערן זענען פאַרטויבט געוואָרן. פאַרנאַכט־צו האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען אין ר' גימפּלס הויז די חתונה־געסט. ווייבער האָבן אָנגעטון די יופּיצעס, די שובעס, די שטערנטיכלעך, און זיך באַהאָנגען מיט צירונג. מוידן האָבן זיך געלאָזט מאַכן צו דער חתונה זיידענע קליידער און שיכלעך מיט לאַנגע שפּיצן, און אַזוי ווי די שניידערס און שוסטערס האָבן נישט באַוויזן יעדער איינער געניגן־צו־טון, זענען אַרויסגעקומען צוליב דעם קריגערייען. נישט איין מויד איז געבליבן אין דער היים אין דער חתונה־נאַכט, האָט זיך פאַרשטעקט הינטערן פּיעקעליק און געקלאָגט אויף איר ביטער מזל.

ליסע האָט געפאַסט אין טאָג פון דער חתונה און צו מנחה האָט זי געזאָגט על־חטא און זיך געקלאַפּט אין האַרץ אַריין, ווי אום יום־כּיפּור, וואָרום ס'איז וואויל באַקאַנט דאָס אין חופּה־טאָג ווערן פאַרגעבן די זינד. אויבוואויל ליסע איז נישט געווען גאָר קיין פרומע און האָט אַפילו צומאָל זיך געוואַקלט אין דער אמונה, ווי ס'טרעפט אָפט מיט די יעניקע, וואָס קלערן צופיל אַריין, האָט זי דאָס מאָל געדאַוונט מיט כּוונה. זי האָט אויך באַצייטנס אָנגעהויבן מתפּלל צו זיין פאַר איר באַשערטן, וואָס האָט ביינאַכט שוין געזאָלט ווערן איר מאַן. ווען גענענדל איז אַריינגעקומען אין איר קאַמער און געזען ווי זי שטייט אין אַ ווינקל און קלאַפּט מיט אַ פויסט אין דער ברוסט, און די אויגן זענען איר פאַרוויינט, האָט זי זיך אָנגערופן:

— קוקט זי אָן! . . . אַ גאַנצע צדיקת! . . . צו מיינע שונאימס קעפּ! . . .

און זי האָט אויף איר אָנגעשריגן, זי זאָל אויפהערן כליפּען, וואָרום זי וועט דערפון באַקומען רויטע וויעס.

נו, איז עס נישט געווען בלויז פון פרומקייט וועגן וואָס ליסע האָט געוויינט. די לעצטע וואָכן און טעג האָב איך מיך צו איר גענומען און אין איר אַריינגעגעבן אַלערהאַנט זאָרגענישן און טראַכטענישן. דאָ האָט זי זיך געשראָקן דאָס זי וועט נישט זיין קיין בתולה, און דאָ איז איר איינגעפאַלן דאָס זי וועט נישט קאָנען אויסהאַלטן די פּיין און וועט מוזן שרייען; דאָ איז זי באַפאַלן אָן אומגעוויינלעכע שעמעוודיקייט, און דאָ האָט זי מורא געהאַט דאָס זי וועט שוויצן אין דער חתונה־נאַכט, אָדער באַקומען בויך־ווייטיק, אָדער משתין זיין אין בעט, און נאָך אַזעלכע טרעפעניש. זי האָט אויך געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז אַ שונא האָט איר אָנגעטון כּישוף און זי האָט אַרומגעזוכט אין די קליידער און אין דער וועש, אויב עמעץ האָט דאָרטן נישט געמאַכט אַ קנופּ און נישט באַהאַלטן קיין קרייטעכצער. זי האָט געוואָלט איינהאַלטן דעם לויף פון די רעיונות, אָבער זי האָט זיי מער נישט געקאָנט צוימען. איינמאָל איז אויפגעקומען אין איר אַזאַ מחשבה: ווער ווייסט? אפשר חלום איך אויף דער וואַך? אפשר בין איך גאָרנישט קיין כּלה? אָדער אפשר איז דער חתן איינער פון יענע לייט, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בחור, און די חתונה וועט זיין אַ פאַרבלענדעניש און די געסט וועלן זיין נישט־גוטע? זי האָט אויך געהאַט פאַרכטיקע חלומות. מחמת דעם האָט זי פאַרלוירן דעם אַפּעטיט צום עסן און די געדערים זענען איר געוואָרן פאַרשטאָפּט, און אויבוואויל אַלע מיידלעך פון קרעשעוו האָבן מקנא געווען איר גליק, איז זי געווען פול מיט יסורים.

אַזוי ווי דער חתן איז געווען אַ יתום, האָט אים דער מחותן, ר' גימפּל, געמאַכט אַן אויסשטייער. ער האָט אים געלאָזט אויפנייען צוויי טוליפּעס, איינעם אויף שבת און איינעם אויף אינדערוואָכן; צוויי זשופּיצעס, אַ זיידענע און אַטלעסענע; אַ טוכענע קאַפּאָטע, ווי אויך צוויי שלאָפּרעק, עטלעכע פּאָר פּלודערן, אַ שטריימל פון טכויר־פוטער מיט דרייצן שפּיצן און אים געקויפט אַ טערקישן טלית מיט דריי עטרות. ער האָט אים געלאָזט צוגרייטן אַנדערע בגדים, אַלץ מיט אַ ברייטער האַנט. צווישן די מתנות, וואָס דער חתן האָט געקריגן, איז געווען אַ זילבערנע בשמים־ביקס, וואָס עס איז אויף איר געווען אויסגעקריצט די כּותל מערבי; אַ געגילדטע אתרוג־פּושקע; אַ מוציא־מעסער מיט אַ פּערלמוטערנער שטול; אַ טאַבאַק־שקעטל מיט אַ טירל פון העלפאַנט־ביין; אַ ש"ס געבונדן אין זייד; אַ סידור מיט זילבערנע טאָוולען, און נאָך פיל טייערע חפצים. אויפן חתן־מאָל האָט שלמהלע געזאָגט פאַר די בחורים אַ פּשטל. פריער האָט ער געפרעגט צען קשיות, וואָס יעדע איינע האָט אויסגעזען שטאַרק ווי אַ מויער. דערנאָך האָט ער אַלע פאַרענטפערט מיט איין תּירוץ. צום סוף האָט ער געוויזן דאָס די קשיות זענען באַלד קיין קשיות נישט געווען און דער גאַנצער טורעם פון לומדות איז זיך צעפאַלן. דער עולם איז געבליבן פאַרגאַפט.

tattered multitude formed circles in the center of the marketplace and danced and jigged delightedly. Everyone was singing and bellowing and the noise was deafening. At evening, the wedding guests began to assemble at Reb Bunim's house. The women wore beaded jackets, headbands, furs, all of their jewelry. The girls had on silk dresses and pointed shoes made especially for the occasion, but inevitably the dressmakers and cobblers had been unable to fill all orders and there were quarrels. There was more than one girl who stayed home, huddling close to the stove the night of the wedding and, unlucky one, weeping her eyes out.

That day Lise fasted and when it was prayer time confessed her sins. She beat her breast as though it were the Day of Atonement for she knew that on one's wedding day all one's transgressions are forgiven. Although she was not particularly pious, and at times even wavered in her faith, as is common with those who are reflective, on this occasion she prayed with great fervor. She also offered up prayers for the man who by the end of the day would have become her husband. When Shifrah Tammar came into the room and saw her daughter standing in a corner with tears in her eyes and beating herself with her fists, she blurted out, "Look at the girl! A real saint!"—and she demanded that Lise stop crying or her eyes would look red and puffy when she stood beneath the canopy.

But you can take my word for it, it was not religious fervor that was causing Lise to weep. For days and weeks before the wedding I had been busy applying myself. All sorts of strange and evil thoughts had been tormenting the girl. One moment she feared that she might not be a virgin at all, and the next she would dream about the instant of deflowering and would burst into tears, fearful that she would not be able to stand the pain. At other times she would be torn by shame, and the very next second would fear that on her wedding night she would perspire unduly, or become sick to her stomach, or wet the bed, or suffer worse humiliation. She also had a suspicion that an enemy had bewitched her, and she searched through her clothing, looking for hidden knots. She wanted to be done with these anxieties but she couldn't control them. "Possibly," she said to herself on one occasion, "I am only dreaming this and I am not to be married at all. Or, perhaps, my husband is some sort of a devil who has materialized in human form and the wedding ceremony will be only a fantasy and the guests, spirits of evil."

This was only one of the nightmares she suffered. She lost her appetite, became constipated, and though she was envied by all the girls in Kreshev, none knew the agony she was undergoing.

Since the bridegroom was an orphan, his father-in-law, Reb Bunim, took care of supplying him with a wardrobe. He ordered for his son-in-law two coats made of fox fur, one for everyday and one for the Sabbath, two gaberdines, one of silk and one of satin, a cloth overcoat, a couple of dressing gowns, several pairs of trousers, a thirteen-pointed hat edged with skunk, as well as a Turkish prayer shawl with three ornaments. Included in the gifts to the bridegroom were a silver spice box upon which a picture of the wailing wall was engraved, a golden citron container, a breadknife with a mother-of-pearl handle, a tobacco box with an ivory lid, a silk-bound set of the Talmud, and a prayer book with silver covers. At the bachelor dinner, Shloimele spoke brilliantly. First of all, he propounded ten questions which seemed to be absolutely basic, and then he answered all ten with a single statement. But after having disposed of these essential questions, he turned around and showed that the questions he had asked were not really questions at all, and the enormous façade of erudition he had erected tumbled to nothing. His audience was left amazed and speechless.

איך וועל נישט מאריך זיין וועגן דער חתונה. מ׳האָט געשפּילט, געטאַנצט, געזונגען, זיך נאַריש געמאַכט און געהאָפּסעט, ווי געוויינלעך אויף חתונות, בפרט נאָך ווען אַ גביר גיט־אויס זיין בת־יחידה. שוסטער־יונגען און שניידער־יונגען האָבן געפּרוּווט טאַנצן מיט די דינסט־מוידן, אָבער די האָפערדיקע בעלי־בתים האָבן אויף זיי אָנגעשריגן און זיי אויסגעשגצט. עטלעכע לייט האָבן זיך אָנגעשיכורט, פאַרשאַרצט די פּאָלעס, געהאָפּקעט און גערופן: שבת! . . . שבת! . . . אייניקע האָבן געזונגען אַ ליד אויף יידיש־טייטש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „וואָס־זשע קאָכט אַן אָרימאַן? . . . באָרשט מיט קאַרטאָפל!״ . . . מ׳האָט געשפּילט אויף פידלען, געצימבלט אויף צימבלען, געפּויקט אויף פּייקלעך, געטרומייטערט מיט טרומייטערס, געפּייפט אויף אַ דודלזאַק און אויף אַ פּייפער. אַלטע ווייבער האָבן פאַרהויבן די שלעפּן, פאַרשאַרצט די גזרה־קאָפּקעס, זיך אַקעגנגעטאַנצט, געפּאַטשט מיט די הענט, און ווען זיי זענען שוין צוגעקומען נאָענט, פּנים צו פּנים, האָבן זיי זיך אָפּגעקערט, ווי פון אַ פּלוצלינגנדיקן גרימצאָרן, און דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן ביים עולם גרויס הייטערקייט. אויבוואויל די מחותנתטע, גענענדל, האָט געטענהט, אַז זי איז שוואַך און קאָן נישט הויבן די פיס, האָט מען זי מיט גוואַלד אַריינגעצויגן אין ראָד און זי האָט געמוזט מיטטאַנצן אַ שער און אַ קאָזאַק. ווי אַלעמאָל אויף חתונות, האָב איך, דער יצר־הרע, געזען, אַז ס׳זאָל נישט פעלן קיין אייפערזוכט, אייטלקייט, באַרימעריי און צעלאָזנקייט. ווען די מוידן האָבן געטאַנצט אַ וואַסער, האָבן זיי אויפגעהויבן די פּאָלעס איבער די קנעכלען, ווי זיי וואָלטן באמת אַריבערגעשפּרייזט אַ וואַסער, און אַזוי ווי ווואילע יונגען האָבן אַריינגעקוקט דורך די פענצטער, זענען זיי געקומען צו מחשבות זרות. דער בדחן האָט אין זיין אייפער פריילעך צו מאַכן די געסט געזונגען ליבע־לידער, פאַרקריפּלט דעם פּשט פון פּסוקים, אַריינגעטייטשט אַ פאַלשן מיין אין הייליקע ווערטער, ווי עס טוען פּורים־רבנים, און די מוידן און יונגע ווייבלעך האָבן געלאַכט און געקלאַטשט מיט די הענט. אַ ווייבל האָט פּלוצלינג אַ רוף געטון, אַז זי האָט פאַרלוירן אַ בראָש און פון גרויס אַנגסט איז זי פאַרחלשט געוואָרן. מ׳האָט גענישטערט אומעטום, נאָר מ׳האָט דאָס חפץ נישט געפונען. אַ מויד האָט גענומען שרייען דאָס אַ יונג אַן עכברוש האָט איר אַ שטאָך געטון מיט אַ שפּיזל אין גראָבן־פלייש. אין מיטן מצווה־טענצל האָט גענענדל צוזאַמען מיט דער אַנדערער אונטערפירערין אַרויסגעגנבעט די כלה צום לייגן־פירן. די שלאָף־שטוב איז געווען אויפן גאָרן, און די פענצטער זענען געווען גדיכט באַהאַנגען מיט פאַרהאַנגען און פאַטשיילעס, עס זאָל בלייבן טונקל אַפילו ביי טאָג. אויפן וועג האָבן ביידע ווייבער אָנגעזאָגט דער כלה ווי זי זאָל זיך פירן און זי געוואָרנט דאָס זי זאָל זיך נישט דערשרעקן, ווען דער חתן וועט קומען צו איר, ווייל דאָס געבאָט זיך צו פרוכפּערן און מערן איז די ערשטע מצווה. נישט לאַנג דערנאָך האָט ר׳ גימפּל מיט דעם צווייטן אונטערפירער אוועקגעפירט דעם חתן.

נו, וועל איך דאָס מאָל נישט נאָכגעבן אייער נייגיר און אייך אויסזאָגן וואָס ס׳איז פאַרלאָפן אין שלאָף־חדר. גענוג דאָס צומאָרגנס אינדערפרי, ווען גענענדל איז אַריינגעקומען ביטן דער כלה גוט־מאָרגן, האָט ליסע זיך באַהאַלטן אונטער דער איבערדעק און זיך געשעמט צו ווייזן דאָס פּנים. שלמהלע האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן און איז געווען אין זיין חדר. נאָך לאַנגע רייד און בעטענישן, האָט דאָס יונגע ווייבל געוויזן דער מוטער דאָס ליילעך און ס׳איז געווען פאַרבלוטיקט.

— מזל־טוב, טאָכטער! — האָט גענענדל אויסגערופן — ווייי איז צו דער מאַמען! . . .

און זי איז איר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז, זי געקושט, געוויינט און נאַס געמאַכט איר פּנים מיט אירע טרערן.

ו

## אַ קרום פירעכץ

באַלד נאָך דער חתונה איז ר׳ גימפּל אַוועקגעפאָרן אין די וועלדער צו זיינע מסחרים. גענענדל האָט זיך ווידער געלייגט אין בעט אַריין און זיך אָפּגעגעבן מיט אירע שלאַפקייטן און רפואות. די יונגעלייט און בחורים אין בית־מדרש האָבן זיך געריכט, אַז שלמהלע וועט נאָך דער חתונה ווערן אַ ראש־ישיבה, זיך פאַרנעמען מיט קהלשע ענינים, מיט תיקון־ספרים, און מיט נאָך ענלעכע טועכצער, וואָס פּאַסן פאַר אַן עלוי, אַ רייכן איידעם; אָבער שלמהלע איז געווען אַ שטוב־זיצער.

I won't linger too long over the actual ceremony. Suffice it to say that the crowd danced, sang and jumped about the way crowds always do at a wedding, particularly when the richest man in town marries off his daughter. A couple of tailors and shoemakers tried to dance with the serving girls, but were chased away. Several of the guests became drunk and started to jig, shouting "Sabbath, Sabbath." Several of the others sang Yiddish songs which began with words like "What does a poor man cook? Borscht and potatoes . . ." The musicians sawed away on their fiddles, blared with their trumpets, clanged their cymbals, pounded their drums, piped on their flutes and bagpipes. Ancient crones lifted their trains, pushed back their bonnets, and danced, facing each other and clapping hands, but then when their faces almost touched they turned away as if in rage, all of which made the onlookers laugh even more heartily. Shifrah Tammar, despite her usual protestations of bad health (she could scarcely lift her foot from the floor), was recruited by one of the bands of merrymakers and forced to perform both a kozotsky and a scissor dance. As is usual at weddings, I the Arch-Fiend arranged the customary number of jealous spats, displays of vanity and outbursts of wantonness and boasting. When the girls performed the water dance they pulled their skirts up over their ankles as though they were actually wading in the water and the idlers peering in through the windows could not help having their imaginations inflamed. And so anxious was the wedding jester to entertain that he sang countless songs of love for the guests, and corrupted the meaning of Scriptures by interpolating obscenities into the midst of sacred phrases as do the clowns on Purim, and hearing all this, the girls and young matrons clapped their hands and squealed with joy. Suddenly the entertainment was interrupted by a woman's scream. She had lost her brooch and had fainted from anxiety. Though everyone searched high and low, the piece could not be found. A moment later there was more excitement when one of the girls claimed that a young man had pricked her thigh with a needle. This outburst over, it was time for the virtue dance, and while this dance was going on, Shifrah Tammar and the bridesmaids led Lise off to the bridal chamber, which was on the ground floor and so heavily draped and curtained that no light could shine through. On their way to the room the women gave her advice on how to conduct herself, and cautioned her not to be afraid when she saw the groom since the first commandments bid us to propagate and multiply. Shortly after that, Reb Bunim and another man escorted the groom to his bride.

Well, this is one instance when I'm not going to satisfy your curiosity and tell you what went on in the wedding chamber. It is enough to say that when Shifrah Tammar entered the room in the morning, she found her daughter hiding under the quilt and too ashamed to speak to her. Shloimele was already out of bed and in his own room. It took a good deal of coaxing before Lise would permit her mother to examine the sheets, and indeed, there was blood on them.

"*Mazel tov*, daughter," Shifrah Tammar exclaimed. "You are now a woman and share with us all the curse of Eve."

And weeping, she threw her arms about Lise's neck and kissed her.

VI

## *Strange Behavior*

Immediately after the wedding Reb Bunim rode off into the woods to tend to some business, and Shifrah Tammar returned to her sickbed and medicines. The young men at the study house had been of the opinion that once Shloimele was married he would become the head of a yeshiva and dedicate himself to the affairs of the community, which seemed appropriate for a prodigy who was also the son-in-law of a wealthy man. But Shloimele did no such thing. He turned out to be a stay-at-home. He couldn't seem to get to the morning services on time and as soon as the concluding "On us" was said, he was out the door and on his way home.

שחרית איז ער געקומען דאַווענען שפּעט און האָט באַלד נאָך עלינו זיך אומגעקערט אַהיים. ער האָט אויך לאַנג זיך נישט געזוימט אין בית־מדרש ביי מנחה־און־מעריב. ווייבער און מוידן האָבן גערעדט דאָס שלמהלע לייגט זיך שלאָפן פרי, באַלד נאָך נאַכטמאָל. די גרינע לאָדן פון דער שלאָף־שטוב זענען געבליבן פאַרמאַכט ביז שפּעט. ר׳ גימפּלס דינסטמויד האָט דערציילט, אַז מאַן־און־ווייב האַלטן אין איין שעפּטשען צווישן זיך, איינרוימען זיך סודות, און אַז זיי לערנען אפילו צוזאַמען אין ספרים, פרעגן זיך רעטענישן, רופן זיך אויסטערלישע צונעמען, און מאַכן זיך קינדיש, דאָס זי, די מויד, ווערט פאַרשעמט, ווען זי קוקט זיך צו. די דינסט האָט אויך דערציילט, אַז שלמהלע און ליסע עסן פון איין שיסל, טרינקען פון איין קוואָרט, און האַלטן זיך אָפּט ביי די הענט, ווי עס איז דער מנהג ביי פּריצים. איינמאָל האָט זי געזען ווי שלמהלע האָט איינגעשפּאַנט ליסען מיט זיין גאַרטל ווי מ׳שפּאַנט איין, להבדיל, אַ פערד, און ער האָט זי געטריבן מיט אַ ריטל, און זי האָט כלומרשט געהירזשעט און אונטערגעהאָצקעט, ממש ווי אַ קאָבילע. אַן אַנדער מאָל האָבן זיי געשפּילט אין אַ שפּיל, וואו דער געווינער ציט דעם פאַרלירער ביים אויער, און זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געצויגן ביי די לעפּלען, ביז זיי האָבן באַקומען רויטע אויערן.

די ליבשאַפט צווישן שלמהלען און ליסען איז וואָרהאַפטיק געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ווען ער איז געגאַנגען דאַווענען, איז זי געשטאַנען ביים פענצטער און אים אויסגעקוקט, אַשטייגער ווי ער וואָלט אַוועקגעפאָרן אין אַ וויטער שטאָט; און ווען זי איז אַוועק אין קיך צוגרייטן פאַר דער מוטער אַ יאַיכל אָדער אַ האָבער־גריץ, איז שלמהלע געקומען זי רופן. שבת, אין בית־מדרש, איז ליסע געשטאַנען אין ווייבער־שול ביי דער קראַטע און אַנשטאָט צו זאָגן אין סידור, אָדער אין דער תחינה, האָט זי נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון שלמהלען, וואָס האָט געדאַוונט ביי דער מזרח־וואַנט, אין זיין טלית מיט די דריי עטרות. שלמהלע האָט יעדעס מאָל אויפגעהויבן דעם בליק און אַרויפגעקוקט צו דער עזרת־נשים. ווען ר׳ גימפּל האָט זיך דערוואוסט, דאָס עס איז אַזוי אַ שלום־בית צווישן זיין טאָכטער און דעם איידעם, איז עס אים וואוילגעפעלן און עס האָט אים ווייניק געקימערט וואָס בייזע צינגער האָבן גערעדט. ער האָט יעדעס מאָל געבראַכט מיט זיך פון וועג מתנות פאַר דעם פּאָרל. אָבער גענענדל האָט געהאַט תרעומות. עס איז איר נישט געפעלן געוואָרן דאָס קרומע פּירעכץ, די געצערטלטע ווערטער, די איבערקלערענישן און אַלדי ליבענישן און קושענישן, וואָס עפּעס אַזוינס האָט זי נישט צוגעזען אין איר פאָטערס הויז, און אפילו נישט אין די היימען פון די געמיינסטע. עס איז איר געווען אַ שאַנד פאַר די שטאָט־לייט, און זי האָט געוואָרנט די טאָכטער און דעם איידעם, דאָס זי וועט נישט ליידן אַזאַ אויפפירונג.

— כ׳קען עס נישט צוקוקן! — האָט זי געטענהט — ס׳שלאָגט צו דער גאַל! . . .

אָדער זי פלעגט אַ רוף טון:

— מ׳זעט עפּעס אַזוינס נישט ביי פּריצים און שררות! . . .

— וואָרום האָט יעקב געמעגט ליב האָבן רחלען? — האָט ליסע, די וואוילגעלערנטע, זיך אויסגעטענהט. — וואָרום האָט שלמה המלך געהאַט טויזנט ווייבער? . . .

— שווייג! . . . פאַרגלייך דיך נישט צו זיי! . . . — האָט גענענדל אַ געשריי געטון. — ביסט נישט ווערט זיי פאַר די לעפּצן צו ברענגען! . . . .

אויבוואויל גענענדל איז אין די פריערדיקע יאָרן נישט געווען פון די צדקניותן, האָט זי שטרענג נאָכגעקוקט דער טאָכטער, אויב זי היט־אָפּ טהרה און איז מיטגעגאַנגען מיט איר אין מקווה אַריין, אַכטונג צו טון זי זאָל זיך אונטערטונקען ווי ס׳געהער צו זיין. פרייטיק פאַרנאַכט איז צומאָל אַרויסגעקומען מחלוקת צווישן מוטער און טאָכטער דערפאַר וואָס ליסע האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיטן ליכט־בענטשן. ליסע האָט געלאָזט אָפּשערן די האָר נאָך דער חתונה און האָט געטראָגן אַ זיידן קאָפּ־טיכל, אָבער גענענדל האָט אויסגעפונען, אַז די האָר זענען איר ווידער אויפגעוואַקסן און אַז זי קעמט זיי שטילערהייט אַקעגן שפּיגל און קרייזלט זיי אין לעקעלעך. ס׳איז אויך געקומען צו שאַרפע רייד צווישן שוויגער און איידעם. גענענדלען האָט פאַרדראָסן וואָרום ער זיצט אַזוי ווייניק אין בית־מדרש און וואָס ער גייט אָפּט שפּאַצירן אין אויבסט־גאָרטן און אויף די פעלדער. זי האָט נישט געליטן, וואָס ער האָט יעדן פרימאָרגן געפּוצט די האַלבע שיך מיט שוואַקס און וואָס ער האָט געדרייט די פּאהלעך און אַרונטערגעקעמט דאָס בערדל. דערצו האָט ער זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ

Nor did he think of hanging around after evening prayers. The women around town said that Shloimele went to bed right after supper, and there could be no doubt that the green shutter on his bedroom stayed closed until late in the day. There were also reports from Reb Bunim's maid. She said that the young couple carried on in the most scandalous ways. They were always whispering together, telling each other secrets, consulting books together, and calling each other odd nicknames. They also ate from the same dish, drank from the same goblet, and held hands the way young men and women of the Polish aristocracy did. Once the maid had seen Shloimele hitch up Lise with a sash as if she were a dray horse and then proceed to whip her with a twig. Lise had cooperated in this game by simulating the whinny and gait of a mare. Another game the maid had seen them play was one in which the winner pulls the earlobes of the loser, and she swore that they had continued this nonsense until the ears of both of them had been a blood red.

Yes, the couple were in love, and each day only increased their passion. When he went off to pray she stood at the window watching him disappear as if he were off on some long journey; and when she retired to the kitchen to prepare some broth or a dish of oat grits, Shloimele tagged along or else he immediately called, demanding that she hurry out. On Sabbath, Lise forgot to pray at the synagogue but stood behind the lattice and watched Shloimele in his prayer shawl going about his devotions at the eastern wall. And he, in turn, would gaze upwards at the women's section to catch a glimpse of her. This display also set vicious tongues wagging, but none of this bothered Reb Bunim, who was most gratified to learn how well his daughter and son-in-law got on. Each time he returned from a trip he came bearing presents. But, on the other hand, Shifrah Tammar was very far from pleased. She did not approve of this eccentric behavior, these whispered words of endearment, these perpetual kisses and caresses. Nothing like this had ever happened in her father's house, nor had she even seen such goings-on among ordinary people. She felt disgraced and began rebuking both Lise and Shloimele. This was a kind of conduct that she could not tolerate.

"No, I won't stand for it," she would complain. "The mere thought of it makes me sick." Or she would cry out suddenly: "Not even the Polish nobility make such an exhibition of themselves."

But Lise knew how to answer her. "Wasn't Jacob permitted to show his love for Rachel?" the erudite Lise asked her mother. "Didn't Solomon have a thousand wives?"

"Don't you dare to compare yourself to those saints!" Shifrah Tammar shouted back. "You're not fit to mention their names."

Actually, in her youth Shifrah Tammar had not been very strict in her observances but now she watched over her daughter closely and saw to it that she obeyed all the laws of purity, and would even accompany Lise to the ritual bath to make sure that her immersions were conducted in the prescribed manner. Now and again mother and daughter would quarrel on Friday nights because Lise was late lighting the candles. After the wedding ceremony the bride had had her hair shaved off and begun wearing the customary silk kerchief, but Shifrah Tammar discovered that Lise's hair had grown back and that she would often sit before a mirror now, combing and braiding her curling locks. Shifrah Tammar also exchanged sharp words with her son-in-law. She was displeased that he went so seldom to the study house and spent his time strolling through orchards and fields. Then it became apparent that he had a taste

נאשער און א פוילן. אין מיטן דער וואך האט ער זיך געלאזט קאכן מעגעלע און קרעפלעך, און אין דער מילך האט ליסע אים אריינגעטון האניק. ביים בעט האט ער זיך געהייסן צוגרייטן א מאן־קיכל, פלוימען־צימעס, ראזשינקעס, ווײַנשל־זאפט. ווען דאס פארפאלק איז געגאנגען שלאפן, האט ליסע פארשלאסן די טיר מיט א שליסל און פארקייטלט מיט א קייטל. צומאל האט גענענדל געהערט פון דער שלאף־קאמער א געלעכטער. אן אנדער מאל האט זיך איר אויסגעדוכט, אז די טאכטער און דער איידעם יאגן זיך ארום בארוויסערהייט איבער דער שטוב, ווארום ס'האט גענומען פאלן קאלך פון באלקן און די הענג־לייכטער האבן זיך געשאקלט. גענענדל האט געמוזט ארויפשיקן די דינסט זי זאל אנקלאפן אין דער טיר און אנזאגן דעם פארפאלק ס'זאל זיין שטיל.

אין אנהויב האט גענענדל געהאפט דאס ליסע וועט באלד טראגנדיק ווערן; און ווען זי וועט געלעגן ווערן, האבן געבורט־ווייען, ווערן א מאמע, דארפן זויגן און וואכן איבער א פיצעלע, און האבן צו טון מיט וויקעלעך, ווינדעלעך און קינדישע חולאתן, וועט זי פארגעסן די יונג־ווייבלשע איטלקייטן. אבער עס זענען אריבער חדשים און ליסע האט נישט פארשוואנגערט. איר פנים איז געווארן בלאסער, די אויגן האבן געלויכטן מיט א פרעמדער שיין. אין קרעשעוו האט מען אנגע־הויבן צו רעדן דאס מאן און ווייב לערנען צוזאמען קבלה.

— ס'א קרום פירעכץ! — האבן די לייט גערעדט צווישן זיך. — די זאך איז נישט פשוט! . . .

און די אלטע ווייבער, וואס זיצן אויף די גאניקעס און שטריקן זאקן, אדער שפינען פלאקס, האבן געהאט וועגן וואס צו מאטלען, צו זאגן זיך סודות אין די האלב־טויבע אויערן און צו שאקלען מיט די קעפ . . .

## ז

## סודות פון חדר

נו, איז שוין געקומען די צייט אויסצוזאגן סודות פון חדר. איך מיין: פון שלאף־חדר.

עס זענען פאראן מאנסלייט, וואס ס'איז נישט גענוג פאר זיי צו טון און זיך צו גריבלען אין ענינים, וואס זייער שורש איז אין תאווה און וואס ווען מ'לאזט זיך אין זיי אריין, דערפירן זיי צו מרה־שחורה און די מ"ט שערי־טומאה. די חכמים האבן שוין געזאגט, דאס אלע ווייסן צו וואס א כלה גייט צו דער חופה, אבער דער, וואס פאראומרייניקט זיין מויל, האט נישט קיין חלק עולם־הבא. מחמת זיין שארפקייט אין לערנען און זיין געוואוינהייט זיך צו חקרנען, האט דער איבערגעשפיצטער שלמהלע גענומען זיך פארטיפן אין דברים שבינו לבינה. צום ביישפיל: אין מיטן חיבוק ונישוק פלעגט ער פלוצלינג א פרעג טון: וואס וואלט געווען, ווען דו וואלסט אויסגעקליבן דעם לובלינער חתן אנשטאט מיך? וואלסטו איצט אויך געלעגן מיט אים? ליסע איז אין אנהויב דערשראקן געווארן פון אזעלכע דיבורים און זי האט געענטפערט: נו, האב איך דאך דיך אויסדערוויילט, נישט אים. אבער שלמהלע האט ווייטער געפארשט און געשטעלט קלאץ־קשיות און האט געבראכט דערצו, זי זאל אים ענטפערן, דאס ווען זי וואלט מיט יענעם חתונה געהאט, וואלט זי אוודאי מיט אים געווען. נו, איז דאס נישט גענוג געווען, און ער האט ווייטער געפרעגט: און וואס וואלסטו געטון, ווען איך וואלט, חלילה, געשטארבן? וואלסטו חתונה געהאט מיט אן אנדערן, אדער נישט? ליסע האט געענטפערט דאס זי וואלט מער קיין שום מאן נישט געוואלט קאנען, נאר שלמהלע האט זיך געקליגלט און איר אויפ־געוויזן דאס זי קאן זיך נישט פארלאזן אויף איר אייגענעם צוזאג. דו ביסט נאך יונג און שיין און די שדכנים וואלטן דיך געוויס באווארפן מיט שידוכים, — האט ער געזאגט. — און דיין טאטע וואלט דיך אוודאי נישט געלאזט זיצן אליין. און עס וואלט ווידער געווען א באדעקנס און א חופה מיט א מצווה־טענצל, און מ'וואלט דיך נאכאמאל געפירט לייגן.

אומזיסט האט ליסע זיך געבעטן, ער זאל אזוי נישט רעדן, ווייל דאס פארשאפט איר צער, און ס'האט אויך נישט קיין צוועק, ווארום קיינער קען נישט פארויסזען, וואס ס'קען אלץ געמאלט זיין. שלמהלע איז יעדעס מאל פונסניי צוגעשטאנען צו איר מיט די איבערדריסיקע געשפרעכן און זיי האבן אין אים דערוועקט תאווה, און ער האט ביס־לעכווייז דערפירט אויך ליסען דערצו, זי זאל האבן פארגעניגן פון די גרינגע רייד. אזוי איז געקומען, אז מאן־און־ווייב האבן האלבע

for food and was extremely lazy. He wanted stuffed derma with fritters daily and he made Lise add honey to his milk. As if this were not enough, he'd have plum stews and seed cookies along with raisins and cherry juice sent to his bedroom. At night when they retired, Lise would lock and bolt the bedroom door and Shifrah Tammar would hear the young couple laughing. Once she thought she heard the pair running barefoot across the floor; plaster fell from the ceiling; the chandeliers trembled. Shifrah Tammar had been forced to send a maid upstairs to knock on the door and bid the young lovers be quiet.

Shifrah Tammar's wish had been that Lise would become pregnant quickly and endure the agonies of labor. She had hoped that when Lise became a mother she would be so busy nursing the child, changing its diapers, tending it when it became ill, that she would forget her silliness. But months passed and nothing happened. Lise's face grew more wan, and her eyes burned with a strange fire. The gossip in Kreshev was that the couple were studying the Cabala together.

"It's all very strange," people whispered to each other. "Something weird is going on there."

And the old women sitting on their porches and darning socks or spinning flax had a perpetually interesting topic of conversation. And they listened sharply with their half-deafened ears and shook their heads in indignation.

## VII

## *Secrets of the Chamber*

It is now time to reveal the secrets of that bedchamber. There are some for whom it is not enough to satisfy their desires; they must, in addition, utter all sorts of vain words and let their minds wallow in passion. Those who pursue this iniquitous path are inevitably led to melancholy and they enter the Forty-nine Gates of Uncleanliness. The wise men long ago pointed out that everyone knows why a bride steps under the wedding canopy but he who dirties this act through words loses his place in the world to come. The clever Shloimele because of his great learning and his interest in philosophy began to delve more and more into the questions of "he and she." For example, he would suddenly ask while caressing his wife, "Suppose you had chosen that man from Lublin instead of me, do you think you would be lying with him here now?" Such remarks first shocked Lise and she would reply, "But I didn't make that choice. I chose you." Shloimele, however, would not be denied an answer and he would go on talking and proposing even more obscene questions until Lise would finally be forced to admit that if indeed she had picked her husband from Lublin she would unquestionably be lying in his arms and not in those of Shloimele. As if this weren't enough he would also nag her about what she would do if he were to die. "Well," he wanted to know, "would you marry again?" No, no other man could possibly interest her, Lise would insist, but Shloimele would slyly argue with her and through skillful sophistry would undermine her convictions.

"Look, you're still young and attractive. Along would come the matchmaker and shower you with proposals and your father would just not hear of your staying single. So there would be another wedding canopy and another celebration and off you'd be to another marriage bed."

It was useless for Lise to beg him not to talk in such a way since she found the whole subject painful and, in addition, of no value, since it was impossible to foresee the future. No matter what she said, Shloimele continued his sinful words, for they stimulated his passion and at length she grew to enjoy them too, and they were soon spending half their nights whispering questions and answers and wrangling over matters

נעכט צווישן זיך געמורמלט און געשעפּטשעט, געפרעגט און געענטפערט, און זיך געאַמפּערט איבער זאַכן, וואָס קיין שום בר־דעת גיט זיך נישט אָפּ מיט זיי. אַזוי האָט שלמהלע געוואָלט וויסן וואָס זי וואָלט געטון, ווען זי פאָרט אויף אַ שיף און ווערט פאַרוואָרפן אויף אַן אינדזל מיט דעם קאַפּיטאַן; ווען זי ווערט פאַרטריבן צווישן די ווילדע מענטשן פון אַפריקע; ווען די סריסים פון אַ סולטאַן וואָלטן זי געפאַנגען אין אַ האַרעם, אָדער ווען זי וואָלט געווען אסתּר המלכּה און מ׳וואָלט זי גענומען צו אחשוורושן, און דאָס גלייכן הוילע דמיונות. ווען ליסע האָט אים פאַרגעוואָרפן וואָרום ער גיט זיך אָפּ מיט אַזעלכע שאַלעמויזן, האָט ער מיט איר גענומען לערנען קבלה און די סודות פון יחוד און זיווג. עס איז געווען ביי ר׳ גימפּלען אין הויז אַ ספר עץ־החיים פון אַר״י, אַ ברית־מנוחה, אַ רזיאל המלאך און נאָך אַנדערע קבלה־ספרים, און שלמהלע האָט נאָכדערציילט ליסען ווי יעקב, רחל, לאה, בלהה, זלפּה באַהעפטן זיך אין די עולמות העליונים פּנים כּנגד פּנים ואחור כּנגד אחור, און די באַהעפטענישן פון אבא קדישא מיט אמא קדישא, און עס זענען דאָרטן געווען געשריבן ווערטער, וואָס לויט דעם איינפאַכן באַטייט זענען זיי ניבול־פּה.

אפשר איז דאָס געווען ווייניק, האָט שלמהלע, וואָס איז געווען אַ מקובל, גענומען אויפדעקן ליסען דעם כּוח, וואָס עס האָבן די קליפּות: דאָס זיי זענען נישט סתּם שדים, רוחות, טייוואָלאַנים, לאַפּיטוטן, שרעטעלעך און לצים, נאָר זיי האָבן אויך אַן אָנהאַלטעניש אין די עולמות עליונים, ווי אַ שטייגער קליפּת־נוגה, וואָס איז אַ געמיש פון קדושה און טומאה. ער האָט אויסגעפונען אַלערליי אָנצוהערענישן דאָס די קליפּה האָט איר יניקה אין עולם־האצילות, אין אדם־קדמון, אפילו אין אין־סוף, און עס איז אויסגעקומען, לויט זיינע רייד, דאָס דער שטן און גאָט זענען צוויי גלייכע מאַכטן, וואָס פירן צווישן זיך אַן אייביקן שטרייט און האָבן נישט קיין ממשות איינער אָן דעם אַנדערן. אויך זענען נישטאָ קיין עבֿרות, וואָרום יעדע זינד, גלייך ווי יעדע מצווה, קאָן זיין קליין און גרויס, און אויב זי איז דערהויבן, שפּאַרט זי אָן הויך. ער האָט איר געזאָגט דאָס ווען אַ ייד טוט אַן עבֿירה מיט התלהבות, איז בעסער איידער ער טוט אַ מצווה אָן כּוונה, און אַז יאָ און ניין, ליכט און פינצטערניש, רעכטס און לינקס, הימל און אָפּגרונט, ריינקייט און אומריינקייט, זענען געשטאַלטן פון געטלעכקייט און וואוהין מ׳זאָל נישט אַראָפּנידערן, בלייבט מען סיי־ווי־סיי אין שאָטן פון שדי, וואָרום אויסער זיין ליכט איז גאָרנישט פאַראַן. ער האָט דאָס אַלץ געזאָגט מיט שיינע מליצות און פאַרגלייכונגען, דאָס עס איז געווען אַ דערקוויקונג אים צו הערן. ליסע איז אַלץ דורשטיקער געוואָרן צו פאַרברענגען מיט אים און צו פאַרנעמען די אַנטפּלעקונגען פון זיין מויל. צומאָל האָט זיך איר אויסגעדוכט, דאָס שלמהלע פירט זי אַראָפּ פון רעכטפאַרטיקן וועג; זי האָט באַקומען גרויס פורכט פאַר זיינע ווערטער און געשפּירט, אַז זי איז מער נישט ביי זיך אין די הענט; וואָרום איר נשמה איז געווען ווי געפאַנגען, און זי האָט געטראַכט זיינע געדאַנקען. אָבער זי האָט קיין כּוח נישט געהאַט זיך אָפּצוגעבן אַ רעכענונג, און זי האָט צו זיך געזאָגט: איך וועל אים נאָכגיין, און וואָס ס׳וועט זיין, זאָל זיין. ער האָט באַלד באַקומען איבער איר אַזאַ שליטה, דאָס זי האָט געטון אַלץ וואָס ער האָט באַגערט. און ער האָט געוועלטיקט איבער איר לויט זיין ווילגעפעלן. ער האָט איר, צום ביישפּיל, געהייסן, זי זאָל זיך פאַר אים אויסטון נאַקעט, אַרומקריכן אויף אַלע פיר, ווי, להבדיל, אַ חיה, טאַנצן פאַר אים, זינגען לידער, וואָס ער האָט אייגנס פאַרפאַסט, האַלב אויף לשון קודש און האַלב אויף עבֿרי־טייטש, און זי האָט געטון זיין ווילן, ווי אַ פאַרכישופטע.

נו, איז שוין קלאָר דאָס דער שלמהלע איז געווען אַ באַהאַלטענער שבתי־צביניק. וואָרום אויבוואויל שבתי־צבי, דער פאַלשער משיח, איז שוין דאַמאָלס לאַנג געווען טויט, זענען נאָך געבליבן אין אַלע לענדער זיינע פאַרבאָרגענע תּלמידים. זיי פלעגן זיך באַגעגענען אויף מאַרקן און יאַרידים, האָבן זיך דערקאָנט לויט אַלערליי צייכנס, און אַזוי האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן פון דעם צאָרן פון די איבעריקע יידן, וואָס האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין חרם. עס זענען געווען צווישן דער כּת שבתי צבי פיל רבנים און שוחטים און מלמדים און אָנגענומענע לייט. אייניקע האָבן זיך פאַרשטעלט פאַר בעלי־שם, האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער די שטעט, געגעבן קמיעות, און אין די קמיעות האָבן זיי אַריינגעשריבן נישט הייליקע שמות, נאָר שמות הטומאה, נעמען פון כּלבים און רוחות, לילית ואשמדאי, און אויך דעם נאָמען פון שבתי צבי. זיי האָבן דאָס אַלץ געטון קליגעריש, דאָס נאָר די לייט פון דער חבריא האָבן זיך געקאָנט דערויף. עס איז ביי זיי געווען אַ גרויסע שמחה,

that were beyond anyone's knowledge. So Shloimele wanted to know what she would do if she were shipwrecked on a desert island with only the captain, how she would behave herself if she were among African savages. Suppose she were captured by eunuchs and taken to a sultan's harem, what then? Imagine herself Queen Esther brought before Ahasuerus! And these were only a small part of his imaginings. When she reproached him for being so engrossed in frivolous matters, he undertook the study of Cabala with her, the secrets of intimacy between man and woman and the revelation of conjugal union. Found in Reb Bunim's house were the books *The Tree of Life*, *The Angel Raziel*, and still other volumes of the Cabala and Shloimele told Lise how Jacob, Rachel, Leah, Bilhah, and Zilpah copulate in the higher world, face to face and rump to rump, and the matings of the Holy Father and the Holy Mother, and there were words in these books that simply seemed profane.

And if this were not enough, Shloimele began to reveal to Lise the powers possessed by evil spirits—that they were not only satans, phantoms, devils, imps, hobgoblins and harpies, but that they also held sway over the higher worlds, as for example Nogah, a blend of sanctity and impurity. He produced alleged evidence that the Evil Host had some connection with the world of emanations, and one could infer from Shloimele's words that Satan and God were two equal powers and that they waged constant combat and neither could defeat the other. Another claim of his was that there was no such thing as a sin, since a sin, just as a good deed, can be either big or small and if it is elevated it rises to great heights. He assured her that it is preferable for a man to commit a sin with fervor, than a good deed without enthusiasm, and that yea and nay, darkness and light, right and left, heaven and hell, sanctity and degradation were all images of the divinity and no matter where one sank one remained in the shadow of the Almighty, for beside His light, nothing else exists. He proffered all this information with such rhetoric and strengthened his argument with so many examples that it was a delight to hear him. Lise's thirst to share his company and absorb such revelations increased. Occasionally she felt that Shloimele was luring her from the path of righteousness. His words terrified her and she no longer felt mistress of herself; her soul seemed captive and she thought only what he wanted her to think. But she hadn't the will to stand up to him and she said to herself: "I will go where he leads no matter what happens." Soon he gained such mastery over her that she obeyed him implicitly. And he ruled her at will. He commanded her to strip naked before him, crawl on all fours like an animal, dance before him, sing melodies that he composed half in Hebrew, half in Yiddish, and she obeyed him.

By this time it is quite obvious that Shloimele was a secret disciple of Sabbatai Zevi. For even though the False Messiah was long dead, secret cults of his followers remained in many lands. They met at fairs and markets, recognized each other through secret signs and thus remained safe from the wrath of the other Jews who would excommunicate them. Many rabbis, teachers, ritual slaughterers and other ostensibly respectable folk were included in this sect. Some of them posed as miracle workers, wandering from town to town passing out amulets into which they had introduced not the sacred name of God but unclean names of dogs and evil spirits, Lilith and Asmodeus as well as the name of Sabbatai Zevi himself. All this they managed with such cunning that only the members of the brotherhood could appreciate

ווען זיי האָבן אָפּגענאַרט פרומע לייט און געבראַכט שאָדן. אַזוי איז איינער אַ שבתי־צביניק געקומען אין אַ ישוב און געלאָזט וויסן דאָס ער איז אַ בעל־מופת, און עס זענען געקומען צו אים פיל לייט, און אים אָפּגעגעבן קוויטלעך, און זיי האָבן דאָרט אויפגעשריבן זייערע נויטן און באַגערן. נו, איידער דער באַטריגערישער וואונדער־טוער האָט פאַרלאָזט די שטאָט, האָט ער אָפּגעטון אַ שפּיצל און די קוויטלעך צעוואָרפן איבערן מאַרק, און עס האָבן זיי געפונען די ליידיקע יונגען, די לצים, און פיל לייט זענען געוואָרן צו שאַנד. אַן אַנדער שבתי־צביניק איז געווען אַ סופר און ער האָט אַריינגעלייגט אין די בתים פון די תפילין נישט פרשות געשריבן אויף פּאַרמעט, נאָר אומריינקייט און ציגן־באָבקעס, און אַן אויפשריפט מען זאָל אים קושן אין אחור. עס זענען געווען אַנדערע צווישן זיי, וואָס האָבן זיך געפייניקט, געגאַנגען אין קאַלטע מקוות, זיך געקוילערט ווינטער אין שניי, זיך געוואַלגערט זומער אין בריעכץ און געפאַסט משבת לשבת. אָבער אויך זיי זענען געווען פאַרדאָרבן, זיך געפלייסט איבערצודרייען די רייד פון תורה שבכתב ובעל פה און פון די מקובלים, און יעדער האָט געהאַט זיין שטייגער ווי אַזוי ער האָט געדינט די קליפות, און דער שלמהלע איז געווען איינער פון זיי.

their handiwork. It provided them great satisfaction to deceive the pious and create havoc. Thus, one disciple of Sabbatai Zevi arrived at a settlement, announced that he was a thaumaturgist and soon many people came to him with chits upon which they'd written their pleas for advice, their problems and requests. Before the counterfeit miracle worker left town, he played his joke and scattered the notes all over the marketplace where they were found by the town rogues, causing disgrace to many. Another cultist was a scribe and placed into the phylacteries, not the passages of law on parchment as prescribed, but filth and goat dung as well as a suggestion that the wearer kiss the scribe's behind. Others of the sect tortured themselves, bathed in icy water, rolled in snow in the winter, subjected themselves to poison ivy in the summer and fasted from Sabbath day to Sabbath day. But these were depraved as well, they sought to corrupt the principles of the Torah and of the Cabala and each of them in his own fashion paid homage to the forces of evil—and Shloimele was one of them.

## ח

## שלמהלע און לייבל שמייסער

אין איינעם אַ טאָג איז גענענדל, ליסעס מוטער, געשטאָרבן. זי איז פאַרשלאָפן געוואָרן און מ'האָט זי מער נישט געקאָנט אָפּמינטערן. נאָך דער שבעה איז ר' גימפּל אַוועקגעפאָרן צו זיינע מסחרים און שלמהלע און ליסע זענען געבליבן אַליין. מחמת ר' גימפּל האָט געהאַט געקויפט אַ וואַלד ערגעץ אין וואָלין, און האָט דאָרטן געהאַט פערד און בהמות, ווי אויך פויערים, וואָס זאָלן אים באַדינען, האָט ער נישט מיטגענומען מיט זיך לייבל שמייסער. דער יונג איז געבליבן אין קרעשעוו. אַזוי ווי עס איז געווען זומער־צייט, זענען שלמהלע און ליסע אָפט אַרויסגעפאָרן מיט אים שפּאַצירן. צומאָל, ווען ליסע איז גראָד געווען פאַרנומען אין דערווירטשאַפט, איז שלמהלע אַליין מיט אים געפאָרן. שלמהלע האָט געדאַרפט האָבן פאַר זיין געזונט די פרישע לופט פון די סאָסנע־וועלדער. ער האָט אויך ליב געהאַט זיך צו באָדן אין טייך סאַן און לייבל האָט אים אַוועקגעפירט צו אַן אָרט, וואו דאָס וואַסער איז געווען פלאַך, און ער האָט אים באַדינט, וואָרום נאָך ר' גימפּלס טויט האָט ער געזאָלט אַלץ ירשענען.

אַזוי אַרום האָבןביידע געשלאָסן קאַנטשאַפט. לייבל איז געווען העכער פון שלמהלען מיט צוויי קעפּ און שלמהלע האָט גריילעך באַוואונדערט זיין טויגעוודיקייט צו וועלט־זאַכן. דער יונג האָט געקאָנט שווימען אויפן בויך, אויפן רוקן, מאַכן וואַסער־טריט. ער האָט מיט די בלויזע הענט געקאָנט כאַפּן אַ פיש אין שטראָם, און מיט גרויס פלינקייט אַרויפגעקלעטערט אויף די הויכע ביימער, וואָס זענען געוואַקסן נישט ווייט פון טייך. שלמהלע האָט געהאַט פחד פאַר אַ קו, אָבער לייבל פלעגט זיך יאָגן נאָך אַ גאַנצער סטאַדע בהמות און ער האָט אַפילו נישט קיין אַנגסט געהאַט פאַר קיין אָקס. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער וואָלט נישט געהאַט קיין שרעק איבערצונעכטיקן אויפן בית־עולם, אָדער אין טהרה־שטיבל, און דערציילט, אַז ער איז וויפל מאָל באַפאַלן געוואָרן פון אַ בער און אַ וואָלף, און איז זיי בייגעקומען. ער האָט אויך באַגעגנט אַ גזלן און אים פאַרטריבן. דערצו האָט לייבל שמייסער געקאָנט אויספייפן אויף אַ פייפל אַלערליי ניגונים, און ער האָט נאָכגעמאַכט דאָס קרייען פון הענער, דאָס קראַקען פון קראָען, דאָס קוקען פון פיקהאָלץ, דאָס מרוקען פון קי און אָקסן, דאָס מעקען פון שעפּסען און ציגן, דאָס בילן פון הינט, דאָס מיאַוקען פון קעץ, און דאָס גרילצן פון פעלד־גרילן. ער האָט שלמהלען פריילעך געמאַכט מיט זיינע עם־האַרצישע שטיק און שלמהלע האָט ליב באַקומען צו פאַרברענגען מיט אים. לייבל שמייסער האָט אַפילו צוגעזאָגט שלמהלען, אַז ער וועט אים אויסלערנען רייטן אויף אַ פערד. אויך ליסע, וואָס אַמאָל האָט זי נישט געלייגט קיין אַכט אויף לייבל שמייסער, איז געוואָרן צו אים צוגעלאָזענער און זי האָט אים געשיקט אַלערליי שליחותן און אים מכבד געווען מיט האָניק־לעקעך און זיסן בראָנפן, וואָרום זי איז געווען אַ גוטהאַרציקע.

## VIII

## *Shloimele and Mendel the Coachman*

One day, Shifrah Tammar, Lise's mother, died. After the seven days of mourning, Reb Bunim returned to his business affairs and Lise and Shloimele were left to themselves. Having purchased a tract of lumber somewhere in Wolhynia, Reb Bunim maintained horses and oxen there as well as peasants to work them, and, when he left, did not take Mendel the coachman with him. The youth remained in Kreshev. It was summertime and Shloimele and Lise often rode through the countryside in the carriage with Mendel driving. When Lise was busy, the two men went out alone. The fresh pine scent invigorated Shloimele. Also, he enjoyed bathing in the river San, and Mendel would wait on him after they drove to a spot where the water was shallow, for eventually Shloimele would be master of the entire estate.

Thus they became friends. Mendel was nearly two heads taller than Shloimele, and Shloimele admired the coachman's worldly knowledge. Mendel could swim face-up or -down, tread water, catch a fish in the stream with his bare hands and climb the highest trees by the riverbank. Shloimele was afraid of a single cow, but Mendel would chase a whole herd of cattle and had no fear of bulls. He boasted that he could spend a whole night in a cemetery and spoke of having overpowered bears and wolves which attacked him. He claimed victory over a highwayman who had accosted him. In addition, he could play all sorts of tunes on a fife, imitate a crow's cawing, a woodpecker's pecking, cattle's lowing, sheep's and goat's bleating, cat's mewling, and the chirping of crickets. His stunts amused Shloimele, who enjoyed his company. Also he promised to teach Shloimele horseback riding. Even Lise, who used to ignore Mendel, treated him amiably now, sent him on all sorts of errands and offered him honey cake and sweet brandy, for she was a kindly young woman.

איינמאל וועןביידע, שלמהלע און לייבל, האבן זיך געבאדן צוזאמען אין טייך, האט שלמהלע זיך איינגעקוקט אין זיין לייב און ער איז פארוואונדערט געווארן פון זיין מאנסבילשער שיינקייט. זיינע פיס זיינען געווען הויך, די לענדן שמאל, די ברוסט — ברייט, און זיין גאנצע האריקע געשטאלט איז געווען פול מיט גבורה. נאכדעם ווי זיי האבן זיך אנגעטון, האט שלמהלע מיט אים פארפירט א שמועס, און דער יונג האט אן בושה דערציילט, ווי ער טרייבט אויסגעלאסנקייט מיט שיקסעס און גויעס, און זיך בארימט דאס פיל ווייבער פון די דערפער ארום זיינען געלעגן מיט אים, און אז ער האט וויפל ממזרים. אויך האט ער זיינע געליבטע צווישן פריצות, שטאטישע גויעס און זעלנערקעס. שלמהלע האט דערקאנט דאס ער זאגט נישט קיין ליגן, ווארום ניכרים דברי אמת. ווען שלמהלע האט אים געפרעגט, אויב ער האט נישט קיין מורא פאר קיין שטראף, האט דער יונג געענטפערט, דאס ער גלויבט נישט אז ס'איז דא א גיהנום און דאס א טויטער שפירט ווייטיק. ער האט גערעדט נאך ענלעכע רייד, פול מיט הפקרות. דערנאך האט ער אויסגעשפיצט די ליפן, געפייפט הויך און מיט עזות, זיך ארויפגעכאפט אויף א בוים און אראפגעווארפן שישקעס און נעסטן פון פייגל. ער האט דערביי געברילט ווי א לייב, זיך פארגאנגען מיט א שאלעניש, וואס האט אפגעהילכט מיילן ווייט, און א ווידער־קול האט צוריקגערופן פון צווישן די שטאמען, ווי מחנות נישט־גוטע וואלטן אפגעענטפערט אויף זיין רוף.

ביינאכט האט שלמהלע אלץ דערציילט ליסען, ער האט נישט פארפעלט קיין שום פרט. זיי האבן לאנג דעריבער זיך געסודעט און די דברים בטלים האבן דערוועקט גרויס תאווה איןביידן. אבער מחמת שלמהלע איז געווען א שוואכער, האט ער זיין ווייב נישט געקענט צופרידן שטעלן. זיין נאטור איז געווען הינטערשטעליק צו זיין לוסט, און זיי זענען אפגעקומען מיט ניבול־פה. מיט אמאל האט שלמהלע צו איר א זאג געטון:

— זאג מיר דעם אמת, ליסע־לעבן, וואלסטו געוואלט מזנה זיין מיט דעם יונג, לייבל שמייסער? . . .

— ווי איז מיר, וואסערע דיבורים רעדסטו! — האט ליסע געענטפערט. — ביסט, חלילה, פון זינען אראפ?

— ווארום נישט? ער איז א שיינער און א שטארקער . . . די נקבות האבן אים ליב . . .

— פע, בושה מעגסטו האבן! — האט ליסע געזאגט — ביסט דיר מטמא דאס מויל! . . .

— איך האב ליב די טומאה! — האט שלמהלע גערופן און אין זיינע אויגן האט זיך אנגעצונדן א פייער. — כ'על מיך אינגאנצן איבערגעבן צו דער סטרא־אחרא! . . .

— שלמהלע, כ'האב מורא פאר דיר! — האט ליסע זיך אנגערופן נאך א לאנגער וויל שטילשוויגעניש. — דו פארקריכסט אלץ מער און מער! . . .

— מ'מעג אלץ! — האט שלמהלע גערעדט און די קני האבן ביי אים געציטערט. — אז ס'דור קאן נישט ווערן כולו זכאי, זאל עס ווערן כולו חייב! . . .

ליסע איז ווי איינגעשרומפן געווארן און האט לאנג געשוויגן. ס'איז שלמהלען געווען שווער צו וויסן צי שלאפט זי, אדער זי איז אזוי פארנומען מיט אירע טראכטענישן.

— דו מיינסט עס אויף ווָאר? — האט זי געפרעגט נייגעריק און מיט א פארשטיקט קול.

— יא, אויף וואר . . .

— און דיך וואלט עס גארנישט געארט? — האט זי געפארשט.

— הא? . . . ניין . . . אויב דו וואלסט געהאט תענוג, וואלט איך אויך געהאט . . . וואלסט מיר אלץ דערציילט . . .

— ביסט א פושע ישראל! — האט ליסע א רוף געטון.

— נו, מילא, בין איך . . . אלישע בן אבויה איז אויך געווען א פושע־ישראל . . . אז מ'קוקט אריין אין פרדס, מוז מען געשעדיקט ווערן . . .

— אויף אלץ האסטו א גמרא . . . אוי, שלמהלע! . . . געדענק, היט דיך! . . . דו שפילסט דיך מיט פייער! . . .

— כ'האב ליב פייער! כ'האב ליב שרפות . . . כ'וואלט געוואלט, די גאנצע וועלט זאל ברענען און אשמדאי זאל איבערנעמען די ממשלה.

— שווייג! — האט ליסע גערופן — ווארום כ'על שרייען געוואלד.

Once when the two men were bathing in the river, Shloimele noticed Mendel's physique and admired its masculine attractiveness. His long legs, slim hips, and broad chest all exuded power. After dressing, Shloimele conversed with Mendel, who spoke unrestrainedly of his success among the peasant women, bragging of the women he'd had from nearby villages and the many bastards he had sired. He also numbered among his lovers aristocrats, town women, and prostitutes. Shloimele doubted none of this. When he asked Mendel if he had no fear of retribution, the young man asked what could be done to a corpse. He didn't believe in life after death. He went on expressing himself heretically. Then, puckering his lips and whistling shrilly, he scampered agilely up a tree, knocking down cones and birds' nests. While doing this he roared like a lion, so powerfully that the sound carried for miles, echoing from tree to tree as though hundreds of evil spirits responded to his call.

That night Shloimele told Lise everything that had happened. They discussed the incident in such detail that both of them grew aroused. But Shloimele was not equipped to satisfy his wife's passion. His ardor was greater than his capability and they had to content themselves with lewd talk. Suddenly Shloimele blurted: "Tell me the truth, Lise my love, how would you like to go to bed with Mendel the coachman?"

"God save us, what kind of evil talk is this?" she countered. "Have you lost your mind?"

"Well—? He is a strong and handsome young man—the girls are wild about him . . ."

"Shame on you!" Lise cried. "You defile your mouth!"

"I love defilement!" Shloimele cried, his eyes ablaze. "I am going all the way over to the side of the Host!"

"Shloimele, I'm afraid for you!" Lise said after a long pause. "You're sinking deeper and deeper!"

"One dares everything!" Shloimele said, his knees trembling. " 'Since this generation cannot become completely pure, let it grow completely impure!' "

Lise seemed to shrink and for a long while she was silent. Shloimele could scarcely tell whether she slept or was thinking.

"Were you serious, then?" she asked curiously, her voice muffled.

"Yes, serious."

"And it wouldn't anger you at all?" she demanded.

"No . . . If it brought you pleasure, it would please me as well. You could tell me about it afterwards."

"You're an infidel!" Lise cried out. "A heretic!"

"Yes, so I am! Elisha the son of Abijah was also a heretic! Whoever looks into the vineyard must suffer the consequences."

"You quote the Talmud in answer to everything—watch out, Shloimele! Be on your guard! You're playing with fire!"

"I love fire! I love a holocaust . . . I would like the whole world to burn and Asmodeus to take over the rule."

"Be still!" Lise cried. "Or I shall scream for help."

— וואָס האָסטו מורא, שטיה? — האָט שלמהלע זי איינגעשטילט.

— פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן . . . כ׳לערן מיט דיר, כ׳אַנט־פּלעק דיר סודות התורה, און דו בלייבסט ביים דייניקן . . . וואָרום, מיינסטו, האָט כביכול געהייסן הושען נעמען אַ זונה? וואָרום האָט דוד המלך צוגענומען בת־שבען ביי אוריה החתי און אביגיל ביי נבלן? וואָרום האָט ער אויף דער עלטער זיך געהייסן ברענגען די אַבישג השונמית? די גרויסע זענען געווען אַריינגעטון אין ניאוף . . . די טומאה לייטערט! . . . אַיי, ליסע לעבן! כ׳וואָלט געוואָלט, זאָלסט מיך אין אַלעם האָרכן! . . . כ׳מיין בלויז דיין גוטס . . . אַפילו ווען כ׳הייס דיך גיין אין שאול־תחתיה! . . .

און ער האָט זיך געקלאַמערט אין איר און זי געהאַלדזט און געקושט. ליסע איז געבליבן ליגן אַ מידע און אַ באַרוישטע פון זיינע ווערטער. דאָס געלעגער האָט זיך אונטער איר געוואַקלט, די ווענט האָבן זיך געטרייסלט, און איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי וויגט זיך שוין אין דער נעץ, וואָס איך, דער יצר־הרע, האָב פאַר איר אויסגעשפּרייט.

## ט

## אדוניהו בן חגית און אבישג השונמית

אויסטערלישע זאַכן האָבן אָנגעהויבן פּאַסירן. געוויינלעך פלעגט ליסע זעלטן זען לייבל שמייסער. ווען זי האָט אים אַפילו באַגעגנט, האָט זי נישט געלייגט קיין אַכט אויף אים. נו, אָבער, זינט שלמהלע האָט צו איר אַזוי גערעדט, האָט איר דער יונג אָנגעהויבן אָקעגנקומען. זי איז אַריינגעגאַנגען אין קיך און זי האָט אים געטראָפן שטיין מיט דער דינסט און טרייבן שפּאַס. ווען ליסע האָט זיך באַוויזן, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. באַלד האָט זי אים אָנגעהויבן צו טרעפן אומעטום. דאָ האָט זי זיך אויף אים אָנגעשטויסן ביי דער קו־שטאַל, און דאָ האָט זי אים געזען רייטן אויפן וועג צום טייך סאַן. ער איז געזעסן אויף דעם פערד אַן אויסגעגלייכטער ווי אַ קאָזאַק, אָן אַ זאָטל, און אַפילו נישט געהאַלטן די לייצן. איינמאָל, ווען די דינסט איז גראָד נישט געווען אין שטוב און ליסע האָט געדאַרפט אַ קוואָרט וואַסער, האָט זי אַליין גענומען אַן עמער און איז אַרויס צום ברונעם. גלייך האָט פון ערגעץ זיך אַרויסגעשאַרט לייבל שמייסער און איר געהאָלפן אָנשעפּן. אין איינעם אַ פאַרנאַכט, ווען ליסע איז געגאַנגען שפּאַצירן אויף דער לאָנקע (שלמהלע איז גראָד געווען אין בית־המדרש), איז איר אָקעגנגעקומען דער קהלשער באָק. ליסע האָט אים געוואָלט אויסמיידן און זיך אַ ווענד געטון רעכטס, נאָר דער באָק האָט איר פאַרצוימט דעם וועג. זי האָט זיך אַ קער געטון לינקס, איז איר דער באָק אָקעגנגעשפּרונגען לינקס. ער האָט דערביי אָנגעשטעלט די שפּי־ציקע הערנער, ווי גרייט צו שטויסן. פּלוצלינג האָט דער באָק זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און אָנגעשפּאַרט אָן איר די פאָדערשטע טלאָען. זיינע אויגן זענען געווען רויט־פאַרלאָפן און אַ גרימצאָרן האָט אַרויסגעקוקט פון זיי, ווי אין דעם באַשעפעניש וואָלט אַריין אַ נישט־גוטס. ליסע האָט גענומען זיך ראַנגלען מיט אים, נאָר דער מזיק איז געווען שטאַרקער און זי שיר נישט אומגע־שליידערט. זי האָט געטון אַ געשריי און וואָלט באַלד געפאַלן אין אומגאַכט. נאָר פּלוצלינג האָט די לופט אַ פּייף געטון פון דעם קנאַק פון אַ בייטש. לייבל שמייסער איז גראָד אָנגעקומען אויף דעם אָרט, און ווען ער האָט דערזען דאָס ראַנגלעניש, האָט ער מיט דער בייטש געטון אַ שמיץ דעם ציגנבאָק. דער רימען, וואָס איז געווען פול מיט קניפּן, האָט דעם באָק שיר דעם רוקן נישט צעבראָכן און עס איז דערנאָך געבליבן אַ צייכן אויף זיין צויטיקער פעל. דער באָק האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַרשטיקט מעקען און גענומען אַנטלויפן הענדום־פּענדום. די פיס, וואָס זענען געווען באַוואַקסן מיט בינטלעך האָר, האָבן זיך געפּלאָנטערט, און ער איז גיכער ענלעך געווען צו אַ פאַרציקנדיקער חיה ווי צו אַ ציגנבאָק. ליסע איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטע. אַ וויל האָט זי אָנגעקוקט לייבל שמייסער שווייגנדיקער־הייט. דערנאָך האָט זי זיך אָפּגעשאָקלט, ווי פון אַ בייז אויסדוכטעניש, און אַ זאָג געטון:

— אַ שיינעם דאַנק.

— אַזאַ נאַרישער באָק! — האָט לייבל שמייסער זיך אָנגערופן.

— ווען ער׳ט נאָכאַמאָל קומען אונטער מיינע הענט, וועל איך אים די געדערים אַרויסזעצן! . . .

"What are you afraid of, foolish one?" Shloimele soothed her. "The thought is not the deed. I study with you, I unfold to you the secrets of the Torah, and you remain naïve. Why do you suppose God ordered Hosea to marry a harlot? Why did King David take Bathsheba from Uriah the Hittite and Abigail from Nabal? Why did he, in his old age, order Abeishag the Shunammite brought to him? The noblest ancients practiced adultery. Sin is cleansing! Ah, Lise love, I wish you would obey every whim of mind. I think only of your happiness . . . Even while I guide you to the abyss . . . !"

And he embraced her, caressed and kissed her. Lise lay exhausted and confused by his oratory. The bed beneath her vibrated, the walls shook and it seemed to her that she was already swaying in the net that I, the Prince of Darkness, had spread to receive her.

## IX

## *Adonijah, the Son of Hagith*

Strange events followed. Usually Lise did not see very much of Mendel the coachman. She paid little attention to him when they did meet. But since the day Shloimele had spoken to her about Mendel, she seemed to run into him everywhere. She'd walk into the kitchen and find him fooling around with the maid. Confronting Lise, he would grow silent. Soon she began to see him everywhere, in the barn, on horseback, riding toward the river San. Erect as a Cossack he sat, disdainful of saddle or reins. Once when Lise needed water and could not find the maid, she took the pitcher and headed for the well. Suddenly, out of nowhere, Mendel the coachman materialized to help her draw water. One evening as Lise strolled through the meadow (Shloimele happened to be at the study house), the old communal billy goat met her. Lise tried to walk past him, but when she turned off to the right, he blocked her path again. When she turned to the left, he leaped to the left also. At the same time he lowered his pointed horns as if to gore her. Suddenly, rising on his hind legs, he leaned his front legs against her. His eyes were a fiery red, blazing with fury, as if possessed. Lise began to struggle to free herself but he was more powerful than she and almost up-ended her. She screamed and was about to faint when suddenly a loud whistle and the crack of a whip were heard. Mendel the coachman had come upon them, and seeing the struggle, slashed the billy goat across its back with his whip. The thickly knotted thong almost broke the animal's spine. With a choking bleat, he ran off haphazardly. His legs were thickly tufted, tangled with hair. He resembled a wild beast more than a billy goat. Lise was left stunned. For a while, she stared at Mendel silently. Then she shook herself as if waking from a nightmare and said: "Many thanks."

"Such a stupid goat!" Mendel exclaimed. "If ever I get my hands on him again I'll tear his guts out!"

— וואס האט ער געוואלט? — האט ליסע געפרעגט.

— ווער ווייסט? — האט לייבל שמייסער געענטפערט. — עס טרעפט, אז א באק באפאלט א מענטש . . . זיי שטייען־צו אלעמאל צו ווייבער . . . קיינמאל נישט צו קיין מאנסלייט! . . . .

— פארוואס עפעס? . . . דו מאכסט חוזק! . . .

— ניין, קיין חוזק . . . אין א שטעטל, וואו כ'בין געוועזן מיטן בעל־הבית, איז געוועזן א באק, וואס האט אפגעווארט די ווייבער, וואס האבן זיך אומגעקערט פון מקווה און איז זיי באפאלן . . . מ'האט געפרעגט א שאלה ביים רבין און ער'ט אים געהייסן שעכטן . . .

— באמת? ווארום שעכטן? . . .

— אז מ'שעכט אים, קאן ער מער ניש' שטויסן די ווייבער . . .

ליסע האט נאכאמאל געדאנקט און געזאגט, אז ס'איז נאך א נס וואס ער איז אנגעקומען. דער יונג איז געשטאנען קעגן איר אין די געפוצטע שטיוול און אין די רייט־הויזן, די בייטש אין דער האנט, און האט זי אנגעקוקט שארף און מיט וואויל־יונגערישער געניטשאפט. ליסע האט אליין נישט געוואוסט, אויב זי זאל נאך ווייטער גיין, אדער זיך אומקערן, דען זי האט שוין געהאט פחד פאר דעם באק און גע־טראכט, דאס ער קאן אן איר נקמה נעמען. גלייך דער יונג וואלט געטראפן אירע מחשבות, האט ער איר אנגעשלאגן דאס ער וועט זי באלייטן און זי באשיצן. א ווייל איז ער איר נאכגעגאנגען ווי א שומר. נאך א קווענקלעניש האט ליסע זיך אומגעקערט צוריק אהיים. דאס פנים האט איר געברענט און מחמת זי האט געשפירט דאס דער יונג קוקט איר נאך, האבן איר די קנעכלען זיך אנגעשטויסן אן אנאנדער, און זי איז געגאנגען קרימלעך. איר איז פארגעקומען, ווי די ערד וואלט זיך געשאקלט אונטער איר. פייערדיקע פינטלען האבן איר געשוועבט פאר די אויגן.

ווען שלמהלע האט זיך שפעטער אומגעקערט אהיים, האט ליסע אים געוואלט דערציילן וואס ס'איז פארגעקומען, נאר זי האט זיך אפגעהאלטן און געשוויגן. ערשט ביינאכט, ווען זי האט אויסגעלאשן דאס ליכט, האט זי אים דערציילט די מעשה. שלמהלע איז געווארן נבהל ונשתומם און ער האט זי אויסגעפרעגט וועגן יעדן קלייניקייט. ער האט זי געקושט, געהאלדזט און עס האט אויסגעזען, דאס די פא־סירונג פארשאפט אים גרויס הנאה. מיט אמאל האט ער א זאג געטון: דער באק, ימח שמו, האט געגלוסט צו דיר . . . און ווען ליסע האט אים געפרעגט: ווי איז דאס געמאלט, דאס א באק זאל גלוסטן צו אן אשה, האט ער געענטפערט, דאס זי איז אזא יפת־תואר, דאס אויך א באק קאן זי באגערן . . . ער האט דערביי שטארק געלויבט דעם יונג און זיין געטריישאפט, און געטענהט, דאס ס'איז נישט געווען קיין טראף, וואס ער איז גראד אנגעקומען, נאר אז דער משרת האט זי ליב אהבת־נפש און איז גרייט צו גיין פאר איר אין פייער אריין. ווען ליסע האט אים געפרעגט, פון וואנען ער ווייסט, דאס עס איז אזוי, האט ער געזאגט, דאס ער וויל איר אויפדעקן א סוד. ער האט געהייסן, זי זאל אים ארונטערלייגן די האנט אונטערן דיך, ווי מ'פלעגט צו טון פארצייטנס, און אים צושווערן, דאס זי וועט קיינעם גארנישט אנט־פלעקן. ווען זי האט געטון ווי ער האט באפוילן, האט ער זיך אנגערופן:

— זיי וויסן, דאס דו און דער בעל־עגלה אריה־לייב זענט ביידע גלגולים און איר האט איין שורש נשמה. דו, ליסע, ביסט אין ערשטן גלגול געווען אבישג השונמית און ער איז געווען אדוניהו בן חגית. ער האט דיך באגערט און געשיקט בת־שבען צו שלמה המלך, ער זאל דיך געבן פאר זיין ווייב, נאר מחמת דו ביסט על פי דין געווען דודס אלמנה, איז ער חייב געווען מיתה און מ'האט אים אוועקגענומען פון די קרנות המזבח און געטויט. נו, איז אבער דער דין געמאכט געווארן נאר פאר די גופים, נישט פאר די נשמות. דען ווען א נשמה גלוסט צו אן אנדערער, איז דאס פון הימל, און זי געפינט נישט קיין תיקון, ביז איר פארלאנג ווערט דערגרייכט. ס'ווערט געבראכט, דאס משיח וועט נישט קומען ביז וואנען אלע תאוות וועלן דערפילט ווערן, און דעריבער וועט דאס דור פאר משיחן זיין כולו חייב. און ווען א נשמה קאן דאס איריקע נישט דערגרייכן אין איין גלגול, ווערט זי מגולגל נאכאמאל און ווידעראמאל, און אזוי איז געווען מיט אייך. שוין קנאפע דריי טויזנט יאר ווי אייערע נשמות שוועבן ארום נאקעטע און קאנען נישט קומען אין עולם־האצילות, פון וואנען זיי שטאמען. די סטרא־אחרא דערלאזט נישט, איר זאלט זיך באגעגענען, דען ווען ס'וועט זיין א באהעפטונג צווישן אדוניהו בן חגית און אבישג השונמית — וועט קומען די גאולה. אזוי איז געשען, דאס ווען ער איז געווען א בן־מלך, ביסטו געווען א דינסט־מויד און ווען דו ביסט געווען א בת־מלכה, איז ער געווען א קנעכט. איר זענט

"What was he after?" Lise asked.

"Who knows? Sometimes goats will attack a person. But they'll always go after a woman, never a man!"

"Why is that?—you must be joking!"

"No, I'm serious . . . In a village where I went with the master, there was a billy goat who used to wait for the women as they returned from the ritual bath and attack them. The people asked the rabbi what to do and he ordered the goat slaughtered . . ."

"Really? Why did he have to be killed?"

"So he could no longer gore the women . . ."

Lise thanked him again and thought it miraculous that he had come when he did. In his gleaming boots and riding breeches, whip in hand, the young man faced her with knowing and insolent eyes. Lise was uncertain whether to continue her stroll or return home, since by this time she was afraid of the goat and imagined that it plotted revenge. And the young man, as if reading her mind, offered to escort and protect her. He walked behind her like a guard. After a while, Lise decided to return to the house. Her face was burning, and as she sensed Mendel's eyes upon her, her ankles rubbed together and she stumbled. Sparks were dancing in front of her.

Later when Shloimele came home, Lise wanted to tell him everything at once, but she restrained herself. Not until that night after putting out the light, did she tell him. Shloimele's astonishment was boundless and he questioned Lise in detail. He kissed and caressed her and the incident seemed to please him immensely. Suddenly he said: "That damned billy goat wanted you—" and Lise asked: "How could a goat possibly want a woman?" He explained that beauty as great as hers could arouse even a goat. At the same time he praised the coachman for his loyalty and argued that his appearance at the propitious moment had been no accident but a manifestation of love, and that he was ready to go through fire for her. When Lise wondered how Shloimele could know all this, he promised to reveal a secret to her. He directed her to place her hand under his thigh in accordance with ancient custom, imploring her never to reveal a word of this.

When she had obliged him, he began, "Both you and the coachman are reincarnations and descended from a common spiritual source. You, Lise, were in your first existence Abeishag the Shunammite, and he was Adonijah, the son of Hagith. He desired you and sent Bathsheba to King Solomon so that he might surrender you to him for a wife, but since according to the law you were David's widow, his wish was punishable by death and the Horns of the Altar could not protect him, for he was taken away and killed. But law applies only to the body, not the soul. Thus, when one soul lusts for another, the heavens decree that they can find no peace until that lust is gratified. It is written that the Messiah will not come until all passions have been consummated, and because of this, the generations before the Messiah will be completely impure! And when a soul cannot consummate its desire in one existence, it is reincarnated again and again and thus it was with you two. Almost three thousand years now your souls have wandered naked and cannot enter the World of Emanations from where they stem. The forces of Satan have not allowed you two to meet, for then redemption would come. So it happened that when he was a prince, you were a handmaiden, and when you were a princess, he was a slave. In addition, you were sepa-

אויך געווען פֿאַרוואָרפֿן אין ווייטע מדינות. ווען ער איז געפֿאָרן צו דיר אויף אַ שיף, האָט דער שטן געבראַכט אַ שטורם־ווינט און די שיף איז איינגעזונקען אין די אינדן פֿון ים. עס זענען געווען נאָך אַלערליי אַנדערע מניעות, און אייער צער איז געווען גרויס. נו, זענט איר איצט ביידע אין איין הויז, נאָר ווייל ער איז אַן עם־הארץ, האַלסטו אים גרינג. דער אמת איז, דאָס אייערע גופֿים זענען לבֿושים פֿון הייליקע נשמות, וואָס טרויערן אין דער פֿינצטער און זוכן יחוד. און דאָס, וואָס דו ביסט אַן אשת־איש, איז דערפֿאַר, ווייל ס'איז דאָ אַ לייטערונג, וואָס קאָן נאָר צושטאַנד קומען דורך גילוי־עריות. אַזוי האָט יעקב גענומען צוויי שוועסטער, און יהודה איז געלעגן מיט תמרן, און ראובן איז אויפֿגעגאַנגען אויפֿן געלעגער פֿון בלהה, זיין פֿאָטערס קעפּסוויב, און הושע האָט גענומען אַ ווייב פֿון אַ הורן־הויז, און אַזוי האָבן געטון אַ סך אַנדערע גרויסע לייט. און זיי וויסן, דאָס דער באָק איז נישט געווען קיין פּשוטער באָק, נאָר אַ משחית, איינער פֿון דער סטרא־אחרא, און ווען אַריה־לייב וואָלט נישט אָנגעקומען, וואָלט ער דיך, חלילה, מזיק געווען . . .

ווען ליסע האָט אים געפֿרעגט ווער ער איז, אויב ער, שלמהלע, איז אויך אַ גלגול, — האָט ער געענטפֿערט, דאָס ער איז שלמה המלך, און אַז ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט צו פֿאַרריכטן וואָס ער האָט פּוגם געווען אין ערשטן גלגול. דען מחמת דעם חטא, וואָס ער האָט געטויט אדוניהון, האָט ער נישט געקאָנט אויפֿגיין אין דעם היכל, וואו ער איז ראוי געווען. ווען ליסע האָט ווידער געפֿרעגט, וואָס ס'וועט זיין נאָכן תיקון, אויב זיי וועלן דאַן אַלע אַוועק פֿון דער וועלט, האָט שלמהלע געענטפֿערט, דאָס זי און ער אַליין וועלן האָבן אריכת ימים, און וועגן דעם יונג האָט ער געשוויגן און געגעבן אָנצוהערן, דאָס זיין צייט אויף דעם עולם השפֿל איז קורץ. און ער האָט דאָס אַלץ גערעדט מיט דעם נוסח פֿון אַ מקובל, וואָס קיין שום סוד איז פֿאַר אים נישט פֿאַרהוילן.

ווען ליסע האָט געהערט די דאָזיקע רייד, איז איר אַ ציטערניש אַריבער איבערן לייב און זי איז געבליבן ליגן מיט ביטול אבֿרים. ליסע, די וואוילקענעוודיקע און געניטע אין תנ"ך, האָט פֿיל מאָל געהאַט גרויס רחמנות אויף אדוניהון, דוד המלכס זינדיקן זון, וואָס האָט געגלוסט צו זיין פֿאָטערס פּלגש און געוואָלט געזאָלבט ווערן פֿאַר אַ קעניג, און האָט צוליב זיין ווידערשפּעניקייט באַצאָלט מיטן קאָפּ. נישט איינמאָל האָט זי געוויינט, ווען זי האָט געלערנט דאָס קאַפּיטל אין מלכים א'. זי האָט אויך געהאַט מיטלייד מיט אבֿישג השונמית, די שענסטע בתולה אין אַלע גרענעצן פֿון ישׂראל, וואָס אויבוואויל דער מלך האָט זי נישט געקאָנט, האָט זי געמוזט בלייבן אַלע יאָרן אַן אלמנה. נו, האָט זי געהערט דאָס זי, ליסע, איז געווען אבֿישג השונמית, און אדוניהוס נשמה איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין דעם יונג לייב. און מיט אַמאָל האָט זי באַנומען דאָס דער יונג איז וואָרהאַפֿטיק ענלעך צו אדוניהון, ווי זי האָט אים געזען אין דמיון, און ס'איז איר געווען אַ פּלא. זי האָט איצט פֿאַרשטאַנען וואָרום ער האָט אַזעלכע שוואַרצע משונהדיקע אויגן און גרויסע געדיכטע האָר, און וואָרום ער באַהאַלט זיך אויס און זונדערט זיך אָפּ פֿון לייט, און וואָרום ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַזאַ חשק. איר האָט זיך גענומען אויסדוכטן, דאָס זי האָט געדענקט, ווי זי איז אַמאָל געווען אבֿישג השונמית און ווי אדוניהו איז פֿאַרבייגעפֿאָרן דעם פּאַלאַץ אין אַ רייטוואָגן און פֿופֿציק מאַן זענען געלאָפֿן פֿאַר אים און געיובלט, און אויבוואויל זי האָט באַדינט דעם קעניג שלמהן, האָט זי געהאַט אַ גרויסן פֿאַרלאַנג זיך איבערצוענטפֿערן אדוניהון . . . עס איז געווען ווי שלמהלעס ווערטער וואָלטן איר באַשיידט אַ טיף רעטעניש און אויפֿגעבונדן אין איר אַ קנויל פֿאַרבאָרגענישן פֿון פֿאַרגאַנגענע צייטן.

יענע נאַכט זענען מאַן און ווייב נישט געשלאָפֿן. שלמהלע איז געקומען צו ליסען, און זיי האָבן שטיל געשמועסט ביז פֿאַרטאָג. ליסע האָט געפֿרעגט קשיות און שלמהלע האָט אויף אַלץ געענטפֿערט מיט פֿיל טעם, דען מיינע לייט האָבן אַ גרויסן כּוח אין דער צונג, און אין איר תמימות האָט זי אים אַלץ געגלויבט. דען אפֿילו אַ מקובל וואָלט געקאָנט אַ טעות האָבן, אַז שלמהלעס רייד זענען דבֿרי אלקים חיים און אַז ער איז אַ בעל־גלוי־אליהו. אַזאַ התלהבֿות האָבן די זינדיקע רייד אַרויסגערופֿן אין אים, אַז ער האָט געציטערט און געפּלאַטערט, און געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן, ממש ווי אין פֿיבער, און דאָס בעט האָט זיך מיט אים מיטגעוואָרפֿן, און טייכן שווייס האָבן זיך פֿון אים געגאָסן. ווען ליסע האָט איינגעזען, דאָס אַלץ איז באַשערט און דאָס זי מוז טון זיין רצון, האָט זי אָנגעהויבן ביטער צו וויינען און נאַס געמאַכט דאָס קישן מיט אירע טרערן. און שלמהלע האָט זי געטרייסט און געקושט און איר איבערגעגעבן רזין דרזין. פֿאַרטאָג־צו איז זי געבליבן ליגן אַ פֿאַרשמאַכטע, דען די כּוחות האָבן זי אינגאַנצן פֿאַרלאָזט, און זי איז געווען מער טויט ווי לעבעדיק. און אַזוי האָב איך מיט דער קראַפֿט פֿון פֿאַלשער קבלה און מיט די פֿאַרדאָרבענע רייד פֿון שבתי צבֿי אַראָפּגעפֿירט פֿון רעכטפֿאַרטיקן וועג אַן אשה צנועה.

rated by oceans. When he sailed to you, the Devil created a storm and sank the ship. There were other obstacles too, and your grief was intense. Now you are both in the same house, but since he is an ignoramus, you shun him. Actually, holy spirits inhabit your bodies, crying out in the dark and longing for union. And you are a married woman because there is a kind of cleansing that can be accomplished through adultery alone. Thus Jacob consorted with two sisters and Jehudah lay with Tamar, his daughter-in-law, and Reuben violated the bed of Bilhah, his own father's concubine, and Hosea took a wife from a brothel, and that is how it was with the rest of them. And know also that the goat was no common goat, but a devil, one of Satan's own and if Mendel hadn't come when he did, the beast would have, God forbid, done you injury."

When Lise inquired if he, Shloimele, were also a reincarnation, he said that he was King Solomon and that he'd returned to earth to nullify the error of his earlier existence, that because of the sin of having Adonijah executed, he was not able to enter the Mansion due him in Paradise. When Lise asked what would follow the correction of the error, if they would all then have to leave the earth, Shloimele replied that he and Lise would subsequently enjoy a long life together but he said nothing of Mendel's future, intimating only that the young man's stay on earth would be a short one. And he made all these statements with the dogmatic absoluteness of the Cabalist to whom no secret is inviolate.

When Lise heard his words, a tremor shook her and she lay there numbed. Lise, familiar with the Scriptures, had often felt a compassion for Adonijah, King David's errant son, who'd lusted for his father's concubine and wished to be king and paid with his head for his rebelliousness. More than once she had wept with pity on reading this chapter in the Book of Kings. She had also pitied Abeishag the Shunammite, the fairest maiden in the land of Israel, who although carnally not known to the king was forced to remain a widow for the rest of her life. It was a revelation to hear that she, Lise, was actually Abeishag the Shunammite and that Adonijah's soul dwelt in Mendel's body.

Suddenly it occurred to her that Mendel indeed resembled Adonijah as she had fancied him in her imagination, and she considered this astonishing. She realized now why his eyes were so black and strange, his hair so thick, why he avoided her and kept himself apart from people and why he gazed at her with such desire. She began to imagine that she could remember her earlier existence as Abeishag the Shunammite and how Adonijah had driven past the palace in a chariot, fifty men running before him, and although she served King Solomon, she'd felt a strong desire to give herself to Adonijah . . . It was as if Shloimele's explanation had unfolded a deep riddle to her and released within her the skein of secrets long past.

That night, the couple did not sleep. Shloimele lay next to her and they conversed quietly until morning. Lise asked questions and Shloimele answered them all reasonably, for my people are notoriously glib, and in her innocence, she believed everything. Even a Cabalist could have been fooled into thinking that these were the words of the living God and that Elijah the Prophet revealed himself to Shloimele. Shloimele's words aroused him to such enthusiasm that he tossed and jerked and his teeth chattered as if he were feverish and the bed swayed beneath him and rivulets of sweat coursed from his body. When Lise realized what she was destined to do, and that Shloimele had to be obeyed, she wept bitterly and soaked her pillow with tears. And Shloimele comforted her and caressed her and divulged to her the innermost secrets of the Cabala. At dawn she lay in a stupor, her strength evaporated, more dead than alive. And thus the power of a false Cabalist and the corrupt words of a disciple of Sabbatai Zevi caused a modest woman to stray from the path of righteousness.

דער אמת איז, דאס דער רשע, שלמהלע, האט דאס אלץ געטון כדי נאכצוגעבן זיין אייגענער תאווה, דען מחמת צופיל אריינקלערן מה למעלה ומה למטה, מה לפנים ומה לאחור, האט זיך אים די טבע איבערגעדרייט קאפויער און ער האט געפונען גענוס אין דעם, וואס וואלט פאר אנדערע געווען א לייד. און מחמת צופיל גלוסטעניש האט ער פארלוירן די גבורת־אנשים. די יעניקע, וואס קענען די הינטער־וועגן פון דעם מענטשנס טבע, ווייסן וואויל דאס פארגעניגן און ווייטיק, שיין און מיאוס, ליבשאפט און האס, דערבארעמדיקייט און גרויזאמקייט און אנדערע פארקערטקייטן מישן זיך צומאל צונויף אזוי, דאס מען קען רעכט נישט אונטערשיידן צווישן זיי. אזוי ארום קאן איך אנרעדן די לייט נישט בלויז צו דערצערענען דעם באשעפער, נאר אפילו צו שעדיקן די אייגענע גופים אין נאמען פון אלערליי אויסדוכטענישן.

In truth, Shloimele, the villain, devised this whim merely to satisfy his own depraved passions, since he had grown perverse from too much thinking, and what gratified him would make the average person suffer intensely. From an overabundance of lust he had become impotent. Those who understand the complexities of human nature know that joy and pain, ugliness and beauty, love and hate, mercy and cruelty and other conflicting emotions often blend and cannot be separated from each other. Thus I am able not only to make people turn away from the Creator, but to damage their own bodies, all in the name of some imaginary cause.

## י
## די תשובה

דער זומער איז געווען א הייסער און א טרוקענער. די פויערים און די פויערטעס האבן אויף די פעלדער געשניטן דעם מאגערן קארן, און די לידער, וואס זיי האבן געזונגען, האבן דערמאנט אין דעם בלעקעכצן ביים באלייטן פגרים. די זאנגען זענען געווען גרינג און האלב לער. איך האב אנגעשיקט היישעריקן און פייגל פון יענער זייט סאן און זיי האבן אויפגעגעסן די פויערישע מי. פיל קי האבן זיך אויפגעהערט צו מעלקן, מחמת מכשפות האבן אנגעטון כישוף צו די בהמות. אין דארף לוקאוו, נעבן קרעשעוו, האט מען געזען ביינאכט, ווי א באבע איז געריטן אויף א רייף און געפאכעט מיט א בעזים. פארויס איז געלאפן א פארשוין מיט שווארצע קאלטענעס, אין א פעל און מיט א וויידל. די מילנער האבן זיך געקלאגט, דאס משחיתים לאזן איבער טייוולסקויט אין מעל. א פאסטוך, וואס פאשעט פערד א גאנצע נאכט אויפן געמויזעכץ, האט געזען אין הימל א פאנעלע מיט א דערנער־קראנץ אויפן קאפ, און די גויים האבן דאס געהאלטן פאר א וואר־צייכן דאס זייער יום־הדין איז נאענט.

צו די יידן אין קרעשעוו איז געקומען דער חודש אלול. די בלעטער אויף די בוימער זענען געווארן געשלאגן מיט צרעת און דער ווינט האט זיי אפגעריסן און געווארפן אין כף־הקלע. די ווארעמקייט פון דער זון איז געווען צונויפגעמישט מיט די קילע ווינטן, וואס קומען פון ים־הקרוש. די פייגעלעך, וואס פליען אוועק אין די ווייטע מדינות, האבן אפגעהאלטן אן אסיפה אויפן שול־דאך, געפייפט, געצוויטשערט און גערעדט מיט פויגלשע קולות. אין אוונט זענען ארומגעפלויגן פלעדער־מייז, און מיידלעך האבן מורא געהאט ארויסצוגיין פון שטוב, ווארום ווען א פלעדער־מויז פארטשעפעט זיך אין די האר, לעבט מען נישט אויס ס'יאר. ווי אלע מאל אין דער צייט, האבן מיינע שלוחים, די שדימלעך, אנגעהויבן אנטון אלערליי שאדנס. קינדער זענען שלאף געווארן אויף מאזלען, פאקן, לאקסירעכץ, אסכרה, אויסשיטעכצער, און אויבוואויל די מאמעס האבן געמאסטן קברים און געצונדן נשמה־ליכט, זיינען די עופעלעך אוועקגעשטארבן. אין בית־מדרש האט מען עטלעכע מאל אין טאג געבלאזן שופר. שופר בלאזן איז, ווי וואויל באקאנט, א סגולה מיך אפצושרעקן, ווארום ווען איך הער דאס קול פון שופר, קען איך מיינען, אז דאס בלאזט מען שוין שופר של משיח און אז גאט ברוך־הוא איז אנגעברייט מיך צו שעכטן. אבער מיינע אויערן זענען נישט טויב און איך קען לייכט אונטערשיידן צווישן דעם שופר הגדול און דעם הארן פון א באק . . .

נו, בין איך אבער אויך נישט געשלאפן און צוגעגרייט פאר די לייט פון קרעשעוו א שטיקל, וואס זיי האבן קיינמאל נישט פארגעסן.

ס'איז געווען מאנטיק אינדערפרי ביי שחרית. ס'בית־מדרש איז געווען פול. דער שמש האט זיך געגרייט אויסצונעמען דאס ספר. ער האט שוין געהאט פארשארצט דאס פרוכת און געעפנט דאס טירל פון ארון. פלוצלינג איז געווארן א גערודער אין בית־מדרש. אלע האבן זיך אומגעקוקט. דורך דער אפענער טיר איז אריינגעקומען מיט גרויס אימפעט שלמהלע. די לייט זענענ פארוואונדערט געווארן פון זיין אנבליק. ער איז געווען אנגעטון אין א צעפליקטער קאפאטע, וואס ס'האט פון איר ארויסגעקוקט די זאק־לייוונט, מיט א ריס אין לאץ, ווי אן אבל, אין די בלויזע זאקן, ווי אין תשעה־באב, און די לענדן ארומ־געגורט נישט מיט א גארטל, נאר מיט א שטריק. דאס פנים איז געווען ווייס, דאס בערדל —צעשויבערט, די פאות — צעפלאסן. די לייט האבן נישט געגלויבט די אייגענע אויגן. ער איז האסטיק צוגעגאנגען צום קופערנעם האנטפאס און געוואשן די הענט. דערנאך האט ער זיך געלאזט שפאנען צום באלעמער. ווען ער איז געווען אויבן, האט ער א פאטש געטון אין שולחן און גערופן מיט א ציטערדיק קול:

## X
### *The Repentance*

That summer was hot and dry. Reaping their meager corn crop, the peasants sang as though they were keening. Corn grew stunted and half-shriveled. I brought in locusts and birds from the other bank of the river San and what the farmers had labored for the insects devoured. Many cows went dry, probably from spells cast by witches. In the village of Lukoff, not far from Kreshev, a witch was seen riding a hoop and brandishing a broom. Before her ran something with black elflocks, a furry hide and a tail. The millers complained that imps scattered devil's dung in their flour. A herder of horses who tended his animals at night near the marshes, saw hovering in the sky a creature with a crown of thorns and Christians considered this an omen that their Day of Judgment was not far off.

It was the month of Elul. A blight struck the leaves which tore loose from the trees and whirled about in circles in the wind. The heat of the sun blended with the frigid breeze from the Congealed Sea. The birds that migrate to distant lands, held a meeting on the rooftop of the synagogue, chirped, twittered and argued in avian language. Bats swooped about at evening and girls feared leaving their homes, for if a bat got tangled in someone's hair, that person would not live out the year. As usual at this season my disciples, the Shades, began to perpetrate their own brand of mischief. Children were struck down by the measles, the pox, diarrhea, croup and rashes, and although the mothers took the usual protections, measured graves and lit memorial candles, their offspring perished. In the prayer house the ram's horn was sounded several times each day. Blowing the ram's horn, is, as is well known, an effort to drive me away, for when I hear the horn I am supposed to imagine that the Messiah is coming and that God, praised be His name, is about to destroy me. But my ears are not that insensitive that I cannot distinguish between the blast of the Great Shofar and the horn of a Kreshev ram . . .

So you can see I remained alert and arranged a treat for the people of Kreshev that they would not forget in a hurry.

It was during services on a Monday morning. The prayer house was crowded. The sexton was about to take out the Scroll of the Law. He had already turned back the curtain before the Holy Ark and opened the door when suddenly a tumult erupted through the entire chamber. The worshippers stared at the place where the noise had come from. Through the opened doors burst Shloimele. His appearance was shocking. He wore a ragged capote, its lining torn, the lapel ripped as if he were in mourning; he was in stockinged feet as if it were the ninth day of Ab, and about his hips was a rope instead of a sash. He was ashen, his beard tousled, his sidelocks askew. The worshippers could not believe their eyes. He moved quickly to the copper laver and washed his hands. Then he stepped to the reading desk, struck it and cried out in a trem-

— רבותי! א בשורה רעה האב איך אייך אנצוזאגן! . . . א פינצטערע שמועה! . . .

א ווייל איז אין בית־מדרש געווארן אזוי שטיל, אז מ'האט געהערט דאס קנאקן פון די פלעמעלעך אין די נשמה־ליכט. באלד איז א גערויש דורכגעלאפן צווישן עולם, ווי אין א וואלד פאר א שטורעם. אלע האבן גענומען זיך שטופן צום באלעמער. סידורים זענען אראפגעפאלן, נאר קיינער האט נישט געטון דאס הארץ זיי אויפצוהויבן. יינגלעך זענען ארויפגעשפרונגען אויף די בענק און די טישן, וואו ס'ליגן הייליקע ספרים, נאר מען האט זיי נישט אראפגעטריבן. אין דער ווייבער־שול איז געווארן א לויפעניש און טופעניש. דאס האבן די נשים געאיילט צו דער קראטע, צו זען וואס ס'קומט פאר אונטן, צווישן די מאנסלייט.

דער אלטער רב, ר' עוזרל, האט נאך געלעבט און געפירט די קהילה מיט תקיפות. אויבוואויל עס איז נישט געווען זיין שטייגער מפסיק צו זיין אין מיטן דאוונען, האט ער זיך אומגעקוקט פון זיין שטאט אין מזרח־וואנט, וואו ער איז געשטאנען אין טלית און תפילין, און א רוף געטון מיט געבייזער:

— וואס ווילסטו? רעד ווערטער!

— רבותי, כ'בין א פושע ישראל! א חוטא ומחטיא את הרבים, א ירבעם בן נבט! — האט שלמהלע גערופן, און מיט א פויסט א קלאפ געטון אין הארץ אריין. — זייט וויסן, אז כ'האב אנגערעדט מיין ווייב צו זנות. כ'בין אלץ מודה, מודה ומתוודה! . . .

אויבוואויל ער האט גערעדט שטיל, האט זיין קול אפגעהילכט ווי ס'בית־המדרש וואלט געווען ליידיק. פון דער ווייבער־שול האט זיך דערהערט א שטים ווי עמעץ וואלט געלאכט, און באלד איז דאס כלומר־שטע געלעכטער אריבער אין א שטיל געיאמער, ווי ערב־יום־כפור צו מנחה. די מאנסלייט זענען געבליבן ווי פארשטיינערט. פיל האבן געדאכט דאס נישט אנדערש נאר דער יונגערמאן איז פון זינען אראפ. אנדערע האבן שוין געהאט געהערט עפעס מורמלען. ר' עוזרל, וואס האט שוין לאנג געהאט א חשד, אז שלמהלע איז פארבארגערנערהייט איינער פון דער כת שבתי צבי, האט מיט ציטערנדיקע הענט אראפגעהויבן דעם טלית פון קאפ און אים אנגעהאנגען אויף די אקסלען. דאס פנים, וואס איז געווען באהאנגען מיט ווייסע האלב־אויסגעקראכענע פאסן בארד און פאות, איז געווארן געל, ווי ביי א מת.

— וואס האסטו געטון? — האט דער זקן געפרעגט מיט א געבראכן קול און מיט ווארעניש. — מיט ועמען האט זי מזנה געווען?

— מיט דעם שווערס בעל־עגלה . . . לייבל שמייסער . . . ס'איז אלץ מיין שולד . . . זי'ט ניש' געוואלט, נאר כ'האב זי מפתה געווען . . .

— דו? — האט ר' עוזרל געפרעגט און זיך געטון א בויג פארויס, ווי אים אקעגנצולויפן.

— יא, רבי, איך . . .

ר' עוזרל האט אויסגעשטרעקט דעם ארעם אנצונעמען א שמעק טאבאק, כדי מיט דעם שארפן גערוך צו שטארקן זיין פארשלאפט געמיט. נאר די האנט האט זיך אזוי געטרייסלט, אז דער עוקץ טאבאק איז אים ארויסגעפאלן פון צווישן די פינגער. די קני האבן אים געשטרויכלט און ער האט זיך געמוזט אנכאפן אן שטענדער נישט אומצופאלן.

— ווארום האסטו דאס געטון? — האט ער געפרעגט מיט א שוואך קול.

— כ'ווייס ניש', רבי . . . א רוח שטות איז אין מיר אריין! — האט שלמהלע געענטפערט און זיין קליינע געשטאלט איז ווי איינגעשרומפן געווארן. — כ'האב א טעות געהאט! . . . א מיאוסן טעות! . . .

— א טעות? — האט ר' עוזרל צוריקגעפרעגט און איין אויג האט זיך אים אויפגעהויבן העכער פון דעם אנדערן — קרום און ארויסגעבאלט. ס'האט זיך אויסגעדוכט גלייך דאס איינע אויג וואלט א לאך געטון מיט אן אויסטערליש נישט־דער־וועלטיש געלעכטער.

יא, א טעות! — האט שלמהלע צוריקגעענטפערט און געבליבן שטיין א מבולבלער און א פארלוירענער.

— געוואלד, יידן, א פייער ברענט! . . . א פייער פון גיהנום! — האט פלוצלינג א הויל געטון א ייד מיט א פעך־שווארצער בארד און צוויי לאנגע צעשויבערטע פאות. — קינדער שטארבן צוליב זיי! . . . אומשולדיקע עופעלעך, וואס וויסן נישט קיין טעם חטא! . . .

bling voice: "Men! I bear evil tidings! Something terrible has happened." In the suddenly still prayer house, the flames in the memorial candles crackled loudly. Presently as in a forest before a storm, a rustle passed through the crowd. Everyone surged closer to the lectern. Prayer books fell to the floor and no one bothered to pick them up. Youngsters climbed up on benches and tables, upon which lay the sacred prayer books, but no one ordered them off. In the women's section there was a commotion and a scuffling. The women were crowding the grate to see what went on below amongst the menfolk.

The aged rabbi, Reb Ozer, was still amongst the living and ruled his flock with an iron hand. Although he wasn't inclined to interrupt the services, he now turned from his place along the eastern wall where he worshipped in prayer shawl and phylacteries and shouted angrily: "What do you want? Speak up!"

"Men, I am a transgressor! A sinner who causes others to sin. Like Jerobom, the son of Nebat!" Shloimele exclaimed and pounded his breast with his fist. "Know ye that I forced my wife into adultery. I confess to everything, I bare my soul!"

Although he spoke quietly, his voice echoed as if the hall were now empty. Something like laughter emanated from the women's section of the synagogue and then it turned to the kind of low wailing that is heard at the evening prayers on the eve of the Day of Atonement. The men seemed petrified. Many thought Shloimele had lost his reason. Others had already heard gossip. After a while Reb Ozer, who had long suspected that Shloimele was a secret follower of Sabbatai Zevi, raised the prayer shawl from his head with trembling hands and draped it about his shoulders. His face with its patches of white beard and sidelocks became a corpse-like yellow.

"What did you do?" the patriarch asked with a cracked voice full of foreboding. "With whom did your wife commit this adultery?"

"With my father-in-law's coachman, that Mendel . . . It's all my fault . . . She did not want to do it, but I persuaded her . . ."

"You?" Reb Ozer seemed about to charge at Shloimele.

"Yes, Rabbi—I."

Reb Ozer stretched out his arm for a pinch of snuff as if to fortify his wasted spirit, but his hand trembled and the snuff slipped from between his fingers. Knees shaking, he was forced to support himself on a stand.

"Why did you do this thing?" he asked feebly.

"I don't know, Rabbi . . . Something came over me!" cried Shloimele, and his puny figure seemed to shrink. "I committed a grave error . . . A grave error!"

"An error?" Reb Ozer demanded and raised one eye. It seemed as if the single eye held a laughter not of this world.

"Yes, an error!" Shloimele said, forlorn, bewildered.

"*Oy vey*—Jews, a fire rages, a fire from Gehenna!" a man with a pitch-black beard and long, disheveled sidelocks cried suddenly. "Our children are dying because of them! Innocent infants who knew nothing of sin!"

ווען דער ייד האָט דערמאָנט די קליינע קינדער, איז געוואָרן אין ווייבער־שול אַ געיאָמער ווי צו כל־נדרי. דאָס האָבן זיך מאַמעס דערמאָנט אָן די אייגענע פּיצלעך, וואָס זענען אַוועק פון דער וועלט. אַזוי ווי קרעשעוו איז געווען אַ קליין מקום, האָט מען גלייך זיך דערוואוסט אינדרויסן וואָס ס'איז געשען און ס'איז געוואָרן אַן אָנגעלויף. ווייבער האָבן זיך אויסגעמישט מיט מאַנסלייט. טליתים זענען אַראָפּגעריסן געוואָרן, תפילין זענען אַראָפּגעפאַלן. ווען די לייט זענען איינגעשטילט געוואָרן, האָט שלמהלע פונסניי אָנגעהויבן זיין ווידוי. ער האָט דערציילט ווי ער האָט נאָך בחורוויז זיך באַהעפט צו די שבתי־צבי־לייט, און ווי זיי האָבן מיט אים געלערנט, אַז וואָס מער טומאה, אַלץ מער קדושה, און וואָס גרעסער די רשעות, אַלץ נעענטער צו דער גאולה. — יידן, כ'בין אַ פושע־ישראל! — האָט ער גערופן. — אַ מומר־להכעיס און אַ נואף! . . . איך האָב שטילערהייט מחלל שבת געווען, געגעסן מילכיקס נאָך פליישיקס, פאַרפעלט תפילין צו לייגן, צו שאַנד געמאַכט ספרים און געטון כל העברות שבתורה . . . איך האָב מיין אייגן ווייב אָנגערעדט צו זנות! . . . איך האָב איר איינגערעדט, אַז דער יונג, לייבל שמייסער, איז אדוניהו בן חגית און אַז זי איז אבישג השונמית, און אַז זיי קאָנען קומען צו אַ תיקון נאָר דורך יחוד! . . . איך האָב איר געזאָגט, אַז זי טוט נאָך אַ מצווה! . . . אשמתי, בגדתי, גזלתי, טפלתי שקר, יעצתי רע, נאפתי! — האָט ער גערופן מיט אַ הויך קול און יעדעס מאָל אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ אַריין. — שפייט אויף מיר יידן . . . שלאָגט מיך! . . . רייסט פון מיר שטיקער! . . . זייט מיך דן, יידן! — האָט ער פונסניי גענומען רופן. — די אַרבע מיתות זענען נישט בטל געוואָרן! . . . יהי רצון שמיתתי תהא כפרתי על כל עוונותי! . . .

— יידן, איך בין נישט קיין רב אין קרעשעוו, נאָר אין סדום! — האָט ר' עוזרל אַ געשריי געטון — סדום ועמורה! . . .

— גוואַלד, יידן, דער שטן טאַנצט אין קרעשעוו! — האָט זיך פונסניי צעגוואַלדעוועט דער שוואַרצער ייד און זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט ביים קאָפּ — דער שטן־המשחית! . . .

דער ייד איז געווען גערעכט. יענעם טאָג און די נאַכט דערנאָך איז קרעשעוו געווען אין מיין מאַכט. מ'האָט אין דעם טאָג מער נישט געדאַוונט און נישט געלערנט, נישט געבלאָזן קיין שופר און נישט געזאָגט קיין תהילים. די פרעש אין געמויזעכץ האָבן געקוואַקעט: טמא, טמא, טמא. קראָען האָבן אָנגעזאָגט בייזע בשורות. דער קהלשער באָק איז ווילד געוואָרן און באַפאַלן אַ ווייבל, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון מקווה. אין יעדן קוימען האָט געפייפט אַ שד. פון יעדער פרוי האָט אַרויסגערעדט דאָס נישט־גוטס. ליסע איז נאָך געלעגן אין בעט, ווען דאָס געזעמל האָט זיך אַריינגעריסן אין איר הויז. פריער האָט מען אויסגעהאַקט מיט שטיינער די שויבן אין די פענצטער. דערנאָך האָט דער המון זיך אַריינגעריסן אין איר שלאָף־חדר. ווען ליסע האָט דערזען דעם ערב־רב און דערהערט זיינע געשרייען, איז איר דאָס פנים געוואָרן אַזוי ווייס ווי דאָס ציכל, אויף וועלכן זי איז געלעגן. זי האָט זיך געוואָלט אָנטון, נאָר מ'האָט אַראָפּגעריסן פון איר דאָס בעט־געצייג, צעפליקט דאָס זיידענע העמד אויף איר לייב און אין אַזוי אַ שטאַנד, באָרוויס, אין אַ צעריסן העמד, אָן אַ הייבל, האָט מען זי אַוועקגעשלעפּט צום רבס הויז. דער יונג, לייבל שמייסער, איז גראָד אָנגעקומען פון אַ דאָרף וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע טעג. נאָך איידער ער האָט באַנומען וואָס מ'וויל פון אים, האָבן די קצבים אים געבונדן מיט שטריק, אים באַדעקט מיט שווערע קלעפּ און אָפּגעפירט אין דער קהלישער תפיסה, אין פאָליש פון שול. מחמת שלמהלע האָט זיך אַליין מודה געווען, איז ער אָפּגעקומען מיט אַ פּאָר פלעם אין פנים, אָבער ער האָט זיך גוטוויליק אַוועקגעלייגט ביי דער שוועל פון בית־מדרש און גערופן, דאָס יעדער וואָס גייט אַריין און אַרויס, זאָל אויף אים אַרויפטרעטן און אים באַשפייען, וואָס דאָס איז דער ערשטער סיגוף פון די יעניקע, וואָס טוען תשובה אויף גילוי־עריות.

With the mention of children, a lament arose from the women's synagogue. It was the mothers remembering their babies who had perished. Since Kreshev was a small town the news spread quickly and a terrible excitement followed. Women mingled with the men, phylacteries fell to the ground, prayer shawls were torn loose. When the crowd quieted, Shloimele started his confession again. He told how he had joined the ranks of the cult of Sabbatai Zevi while still a boy, how he had studied with his fellow disciples, how he had been taught that an excess of degradation meant greater sanctity and that the more heinous the wickedness the closer the day of redemption.

"Men, I am a traitor to Israel!" he wailed. "A heretic from sheer perversity and a whoremonger! I secretly desecrated the Sabbath, ate dairy with meat, neglected my prayers, profaned my prayer books and indulged in every possible iniquity . . . I forced my own wife into adultery! I fooled her into thinking that that bum, Mendel the coachman, was in truth Adonijah the son of Hagith and that she was Abeishag the Shunammite and that they could obtain salvation only through union! I even convinced her that, by sinning, she'd commit a good deed! I have trespassed, been faithless, spoken basely, wrought unrighteousness, been presumptuous and counseled evil."

He screamed in a shrill voice and, each time, beat his bosom. "Spit upon me, Jews. Flail me! Tear me to bits! Judge me!" he cried. "Let me pay for my sins with death."

"Jews, I am not the rabbi of Kreshev but of Sodom!" shouted Reb Ozer, "Sodom and Gomorrah!"

"*Oy*—Satan dances in Kreshev!" wailed the black Jew and clapped his head in both hands. "Satan the Destroyer!"

The man was right. All that day and through the following night I ruled over Kreshev. No one prayed or studied that day, no ram's horn was blown. The frogs in the marshes croaked: "Unclean! Unclean! Unclean!" Crows heralded evil tidings. The community goat went berserk and attacked a woman returning from the ritual bath. In every chimney a demon hovered. From every woman a hobgoblin spoke. Lise was still in bed when the mob overran her house. After shattering the windows with rocks, they stormed her bedroom. When Lise saw the crowds she grew white as the sheet beneath her. She asked to be allowed to dress but they tore the bedding and shredded the silk nightgown from her body, and in such disarray, barefoot and in tatters, her head uncovered, she was dragged off to the house of the rabbi. The young man, Mendel, had just arrived from a village where he had spent several days. Before he even knew what was happening, he was set upon by the butcher boys, tied with ropes, beaten severely and spirited away to the community jail in the anteroom of the synagogue. Since Shloimele had confessed voluntarily, he got away with several facial blows, but of his own free will he stretched out on the threshold of the study house and told everyone who entered or left to spit and walk over him, which is the first penance for the sin of adultery.

## יא

# די שטראָף

ביז שפּעט בייַנאַכט איז דער רב, ר׳ עוזרל, געזעסן אין בית־דין־שטוב צוזאַמען מיטן דיין, דעם שוחט, דעם נאמן און די שבעה טובי העיר און אויך פיל אַנדערע חשובע לייט, און מען האָט אויסגעהערט די זינדיקע. אויבוואויל די לאָדן פון רבס הויז זענען געווען פאַרהעמערט און די טיר געשלאָסן, האָט אַ המון זיך צענויפגעזאַמלט אַרום דעם רבס הויז און דער שמש האָט יעדעס מאָל געמוזט אַרויסקומען און פאַנאַנדערטרייבן די נייגעריקע. עס וואָלט געדויערט צו לאַנג איבערצוגעבן די רייד, וואָס זענען דאָרטן גערעדט געוואָרן, און די בושות און חרפות, וואָס שלמהלע און ליסע זענען אויסגעשטאַנען. איך וועל בלויז איבערגעבן עטלעכע פּרטים. די לייט האָבן זיך גערעכנט דאָס ליסע וועט וויינען און שרייַען און לייקענען, אָדער גאָר פאַרשלאָפט ווערן, נאָר זי איז געבליבן שטיל. זי האָט געענטפערט קלאָר אויף אַלע שאלות, וואָס דער רב האָט איר געשטעלט. זי האָט מודה געווען דאָס זי האָט מזנה געווען מיט דעם יונג, און ווען דער רב האָט זי געפרעגט ווי אַזוי זי, אַ יידישע טאָכטער און אַ בת־דעת, האָט געקאָנט אָפּטון אַזוי אַ זאַך, האָט זי נישט אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף קיינעם, נאָר געענטפערט דאָס זי האָט געזינדיקט און איז גרייט אויף יעדער שטראָף. כ׳ווייס, אַז כ׳האָב פאַרלוירן עולם־הזה און עולם־הבא, האָט זי געזאָגט, און אַז ס׳איז נישטאָ פאַר מיר קיין תקומה. און זי האָט די ווערטער גערעדט אַזוי פּשוט, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַ געוויינלעכע זאַך, און עס איז געווען אַ גרויסער חידוש פאַר אַלעמען. און ווען דער רב האָט זי געפרעגט, אויב זי האָט ליב געהאַט דעם יונג, אָדער זי האָט עס געטון, ווייל ר׳האָט זי באַצוואונגען, אָדער איבערגערעדט, האָט זי געזאָגט, דאָס זי האָט אַלץ געטון מוטוויליק און מיט איר אייגענעם רצון.

— אפשר האָט דיך אַ רוח־רע באַשוואוירן? — האָט דער רב געפרעגט. — אָדער אפשר האָט דיר עמעץ כישוף אָנגעטון? אפשר האָט דיך געניוט אַ שד? אָדער אפשר ביסטו געווען אין אַ פאַרבלענדעניש און דו האָסט פאַרגעסן דעם דין־תורה, אָדער אַז דו ביסט אַ יידישע טאָכטער? זאָג, לייקן נישט!

און ליסע האָט געענטפערט דאָס זי ווייסט נישט פון קיין רוח־רע און קיין שד און קיין כישוף און קיין פאַרבלענדעניש.

איניקע לייט האָבן ווייטער געפרעגט, אויב זי האָט נישט אַמאָל געפונען אַ קנופּ אין אַ מלבוש, אָדער אַ קאָלטן אין די האָר, אָדער אַ געלן פלעק אויפן שפּיגל, אָדער אַ ברוין־און־בלויען צייכן אויפן לייב, און זי האָט געענטפערט דאָס זי האָט נישט געפונען קיין זאַך. ווען שלמהלע האָט גערופן דאָס ער האָט זי אָנגערעדט און אַז זי איז ריין, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און נישט געזאָגט יאָ, אָדער נישט. און ווען דער רב האָט געפרעגט, אויב זי האָט נישט חרטה אויף איר טועכץ, האָט זי פריער געשוויגן, און דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן: וואָס וועט אַרויסקומען פון מיין חרטה? און זי האָט צוגעגעבן: איך וויל גע־משפּט ווערן נישט לויט מידת־הרחמים, נאָר לויט מידת־הדין. דערנאָך איז זי אינגאַנצן אַנטשוויגן געוואָרן און ס׳איז שווער געווען פון איר אַרויסצוקריגן אַ וואָרט.

דער יונג, לייב, האָט מודה געווען דאָס ער האָט מזנה געווען מיט ליסען, דער טאָכטער פון זיין בעל־בית, כמה פעמים; אַז זי איז געקומען צו אים אויפן בוידעם און אין גאָרטן צווישן די בייטן, און אַז ער איז אויך עטלעכע מאָל געווען אין איר שלאָף־חדר. אויבוואויל ער איז געווען צעשלאָגן און זיינע מלבושים זענען געווען צעריסן, איז ער געבליבן אַן עומד במרדו, ווי עס שטייט, דאָס רשעים טוען נישט קיין תשובה אַפילו ביי דער טיר פון גיהנום, און ער האָט גערעדט ניבול־פּה. ווען איינער אַ בעל־הבית האָט אים געפרעגט: היתכן, ווי איז ער אויסגעפאַלן צו טון אַזאַ זאַך? — האָט ער געענטפערט: וואָרום נישט? זי איז בעסער פון אייער ווייב. ער האָט דערביי אָנגערופן די לייט מיט שפּאָט־נעמען, און געטענהט, דאָס די בעלי־הבתים זענען גנבים, פרעסערס, וואוכערער, און אַז זיי נאַרן אָפּ אויף דער וואָג און דער מאָס. ער האָט אויך גערעדט עזותקייטן אויף זייערע ווייבער און טעכ־טער. איינעם האָט ער געזאָגט דאָס וואו זיין ווייב שטעלט זיך אַוועק, וואַקסט אויס אונטער איר אַ באַרג מיסט; אַן אַנדערן — דאָס ער שטינקט און דאָס זיין אשה לאָזט אים נישט אַריין אין בעט, און נאָך אַזעלכע ווערטער, און עס איז געווען אַ חוכא וטלולא. און ווען דער רב האָט אים געפרעגט: וואָס מיינסטו, דו וועסט אייביק לעבן? — האָט ער געענטפערט, דאָס נאָכן טויט איז אַ מענטש געגליכן צו אַ געפּגרט פערד. ער האָט אַרויסגערופן ביי די לייט אַזויפיל צאָרן, דאָס מען האָט אים ווידער געשלאָגן ביים רב אין שטוב און די פאַרזאַמלטע אינדרויסן האָבן געהערט זיינע קולות, און ליסע האָט פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט און אָנגעהויבן כליפּען.

## XI

## *The Punishment*

Late into the night Reb Ozer sat in the chamber of justice with the ritual slaughterer, the trustee, the seven town elders and other esteemed citizens, listening to the sinners' stories. Although the shutters were closed and the door locked, a curious crowd gathered and the beadle had to keep going out to drive them away. It would take too long to tell all about the shame and depravities detailed by Shloimele and Lise. I'll repeat only a few particulars. Although everyone had supposed Lise would weep and protest her innocence, or simply fall into a faint, she maintained her composure. She answered with clarity every question that the rabbi asked her. When she admitted fornicating with the young man, the rabbi asked how it was possible for a good and intelligent Jewish daughter to do such a thing, and she replied that the blame was all hers, she had sinned and was reconciled to any punishment now. "I know that I've forsaken this world and the next," she said, "and there's no hope for me." She said this as calmly as if the entire chain of events had been a common occurrence, thus astonishing everyone. And when the rabbi asked if she were in love with the young man or if she had sinned under duress she replied that she had acted willingly and of her own accord.

"Perhaps an evil spirit bewitched you?" the rabbi suggested. "Or a spell was cast upon you? Or some dark force compelled you? You could have been in a trance and forgotten the teachings of the Torah and that you were a good Jewish daughter? If this is so—do not deny it!"

But Lise maintained that she knew of no evil spirits, nor demons nor magic nor illusions.

The other men probed further, asked if she'd found knots in her clothing or elflocks in her hair or a yellow stain on the mirror, or a black and blue mark on her body, and she announced that she had encountered nothing. When Shloimele insisted that he had spurred her on and that she was pure of heart, she bowed her head and would neither admit nor deny this. And when the rabbi asked if she regretted her trespasses, she was silent at first, then said: "What's the use of regretting?" and added: "I wish to be judged according to the law—unmercifully." Then she grew silent and it was difficult to get another word out of her.

Mendel confessed that he'd lain with Lise, the daughter of his master, many times; that she'd come to him in his garret and in the garden between the flower beds and that he'd also visited her several times in her own bedroom. Although he had been beaten and his clothing was in shreds, he remained defiant—for as it is written: "Sinners do not repent even at the very gates of Gehenna . . ." and he made uncouth remarks. When one well-respected citizen asked him: "How could you possibly do such a thing?" Mendel snarled: "And why not? She is better than your wife."

At the same time he vilified his inquisitors, called them thieves, gluttons and usurers, claimed that they gave false weight and measure. He also spoke derogatorily of their wives and daughters. He told one worthy that his wife left a trail of refuse behind her; another—that he was too smelly even for his wife, who refused to sleep with him; and made similar observations full of arrogance, mockery and ridicule.

When the rabbi asked him: "Have you no fear? Do you expect to live forever?" he replied that there was no difference between a dead man and a dead horse. The men were so infuriated that they whipped him again and the crowds outside heard his curses while Lise, covering her face with both her hands, sobbed.

שאַלן אויף די קעפּ ווי צו אַ לוויה. ווייבער האָבן זיך איינגעהילט אין צוויי פאַרטוכער, איינס פון פאָרנט און איינס פון הינטן, ווי בעת מ׳טרייבט אַרויס אַ דיבוק, אָדער מ׳גיט חליצה. קרעמער האָבן פאַרמאַכט די קראָמען, בעלי־מלאכה האָבן איבערגעלאָזט די וואַרשטאַטן. אַפילו גויים זענען געקומען זען, ווי יידן שטראָפן זייערע זינדיקע. אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צו דער אַלטער שול, פון וואַנען מ׳האָט געזאָלט אַרויספירן די שולדיקע און זיי באַשטראָפן בפני כל עם ועדה.

ווען די דעמבענע טיר פון דער שול האָט זיך אויפגעפּראַלט, איז אַדורך אַ ברומעניש צווישן המון. פריער האָבן צוויי קצבים אַרויסגעפירט לייבל שמייסער. די הענט זענען אים געווען געבונדן מיט שטריק, אויפן קאָפּ איז געזעסן אַ הינטערשלאַק פון אַ יאַרמולקע, דער שפּענצער איז אים געווען צעריסן. אויפן שטערן איז געווען אַ בייל. מחמת ער האָט נישט געקאָנט אין דער צייט גאָלן די באָרד, איז אים געהאַט אַרויס אַ שוואַרצע שפּראָצונג אויף די קינבאַקן. ער האָט אַ קוק געטון אויפן עולם מיט חוצפה און אויסגעשפּיצט די ליפּן ווי צו פייפן. די קצבים האָבן אים געהאַלטן פעסט ביי די עלנבויגנס, וואָרום ער האָט שוין געפּרוווט זיך אַרויסרייסן און אַנטרינען ווערן. די ווילדע יונגען האָבן אים מקבל־פנים געווען מיט אַ קאַצן־מוזיק. אויבוואויל שלמהלע האָט תשובה געטון פון גוטן ווילן און דאָס בית־דין האָט אויף אים נישט אַרויסגעגעבן קיין עונש, האָט ער פאַרלאַנגט מען זאָל אים ניט שוינען און אים מבזה זיין גלייך ווי די אַנדערע. ווען מ׳האָט אים אַרויסגעבראַכט, איז געוואָרן אַ טומל, אַ פייפעריי, אַ געשריי און אַ געלעכטער. ער איז געווען פאַרענדערט נישט צום דערקאָנען. דאָס פּנים איז געווען וויס ווי ביי אַ מת. אַנשטאָט אַ זשופּיצע, אַ טלית־קטן, פּלודערן, האָבן נאָכגעהאָנגען בינטלעך שמאַטעס. איין באַק איז אים געווען געשוואָלן. קיין שיך האָט ער נישט געהאַט. די זאָקן זענען געווען געלעכערט און ס׳האָבן פון זיי אַרויסגעקוקט די בלויזע פינגער. מ׳האָט אים אַוועקגעשטעלט נעבן לייבל שמייסער און ער איז געבליבן שטיין אַן איינגעבויגענער און אַ פאַרגליווערטער, ווי אַ פויגל־שרעקער. פיל ווייבער האָבן ביי דעם אָנבליק גענומען וויינען, ווי איבער אַ טויטן. אייניקע האָבן געטענהט, אַז די קהל־לייט זענען רוצחים און אַז ווען ר׳ גימפּל וואָלט געווען אין שטאָט, וואָלט אַזאַ זאַך נישט פּאַסירט.

ביז מ׳האָט אַרויסגעבראַכט ליסען האָט געדויערט אַ לאַנגע וויל. מחמת דעם נייגיר פון די לייט זי אָנצוקוקן, איז געוואָרן אַ גרויס געדראַנג. ווייבער האָבן אין דער בהלה פאַרלוירן די הייבלעך. ווען צוויי חברא־קדישא־יידענעס האָבן זיך באַוויזן ביי דער טיר פון פּאָליש צוזאַמען מיט ליסען, איז דאָס פעבל געבליבן ווי פאַרשטאַרט. אַ זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלעמענס הערצער. ליסעס קליידער זענען געווען גאַנץ, נאָר אַנשטאָט אַ הייבל, איז געזעסן אויף איר קאָפּ אַ קוגל־שאַרבן. אויפן האַלדז האָט געהאָנגען אַ קראַנץ קנאָבל און אַ געשאָכטענע גאַנדז. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ בעזים, און אין דער אַנדערער — אַ פלעדערוויש. אירע לענדן זענען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק פון שטרוי. ס׳האָט אויסגעזען דאָס די קהלשע ווייבער האָבן זיך געמיט צו פאַרשאַפן ליסען, דער גבירישער טאָכטער און מיוחסת, וואָס מער שאַנד און שמאַך. לויטן פּסק האָט מען געדאַרפט די זינדיקע פירן איבער אַלע געסלעך און ביי יעדן הויז האָט מען זיך געדאַרפט אָפּשטעלן און דער בעל־הבית און די בעל־הביתטע האָבן געזאָלט שפּייען אויף די פּושעים. מ׳האָט אָנגעהויבן ביים רב און מען איז געגאַנגען לויט דעם סדר ביז צו די געמיינע לייט. פיל האָבן מורא געהאַט דאָס ליסע וועט אַוועקחלשן און זיי פאַרשטערן דעם יום־טוב, נאָר זי האָט, אַפּנים, געהאַט אָפּגעפּאַסט ביי זיך אויסצוטרינקען דעם בעכער פון פּורעניות ביז צום דנאָ.

אין מיטן אלול איז אין קרעשעוו געווען ל״ג בעומר. די חדר־ייִנגלעך האָבן זיך באַוואָפנט מיט שטעקנס און פייל־און־בויגנס, מיטגענומען מיט זיך עסן פון שטוב, און זענען אַ גאַנצן טאָג נאָכגעלאָפן, געשריגן, געמעקעט ווי ציגן. ווייבער האָבן נישט געקאָכט קיין וואַרעמעס. ס׳בית־המדרש איז געווען ליידיק. אַפילו די אַלטע און קראַנקע פון הקדש האָבן זיך געלאָזט אַרויספירן אינדרויסן בייצוואוינען די שוואַרץ־שמחה.

guests, respectable girls draped shawls about their heads. Women wore double aprons, one before, one behind, as if they were present at the exorcizing of a dybbuk or participating in a levirate marriage ceremony. Merchants closed their shops, artisans left their workbenches. Even the Gentiles came to see the Jews punish their sinners. All eyes were fixed upon the old synagogue from which the sinners would be led to suffer public shame.

The oaken door swung open, accompanied by a humming from the spectators. The butchers led out Mendel—with tied hands, a tattered jacket and the lining of a skullcap on his head. A bruise discolored his forehead. A dark stubble covered his unshaven chin. Arrogantly, he faced the mob and puckered his lips as if to whistle. The butchers held him fast by the elbows for he had already attempted to escape. Catcalls greeted him. Although Shloimele had repented willingly and been spared by the tribunal, he demanded that his punishment be the same as the others. Whistling, shouting and laughter arose when he appeared. He had changed beyond recognition. His face was dead-white. Instead of a gaberdine, a fringed garment and trousers—bits of rag hung from him. One cheek was swollen. Shoeless, holes in his stockings, his bare toes showed. They placed him beside Mendel, and he stood there, bent and stiff as a scarecrow. Many women began to weep at the spectacle as if lamenting one who had died. Some complained that the town elders were cruel and that if Reb Bunim were around such a thing could never take place.

Lise did not appear for a long time. The mob's great curiosity about her caused a terrible crush. Women, in the excitement, lost their headbands. When Lise appeared in the doorway escorted by the Burial Society women, the crowd seemed to freeze. A cry was torn from every throat. Lise's attire had not been altered—but a pudding pot sat upon her head, around her neck hung a necklace of garlic cloves and a dead goose; in one hand she held a broom, in the other a goose-wing duster. Her loins were girdled by a rope of straw. It was plain that the ladies of the Burial Society had toiled with diligence to cause the daughter of a noble and wealthy home to suffer the highest degree of shame and degradation. According to the sentence the sinners were to be led through all the streets in town, to halt before each house, where every man and woman was to spit and heap abuse upon them. The procession began at the house of the rabbi and worked its way down to the homes of the lowest members of the community. Many feared that Lise would collapse and spoil their fun but she was apparently determined to accept her punishment in all its bitterness.

For Kreshev it was like the Feast of Omer in the middle of the month of Elul. Armed with pine cones, bows and arrows, the cheder boys brought food from home, ran wild, screamed and bleated like goats all day. Housewives let their stoves grow cold, the study house was empty. Even the ailing and indigent almshouse occupants came out to attend the Black Feast.

מחמת שלמהלע האָט אַליין מודה געווען אויף זיינע עוונות און איז גרייט געווען תשובה צו טון, האָט מען אים געשוינט, און איניקע האָבן אים אַפילו גערופן ר' שלמה. ער האָט דערציילט ווידער אַמאָל פאַרן בית־דין ווי אַזוי די שבתי־צביניקעס האָבן אים געפאַנגען אין זייער נעץ, ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור, און ווי אַזוי ער האָט שטילערהייט געלערנט זייערע ספרים און קנטרסים, און אָנגעהויבן גלויבן, אַז וואָס טיפער מ'זינקט אין קויט, אַלץ מער דערנענטערט מען דעם קץ. און ווען דער רב האָט אים געפרעגט, וואָרום ער האָט נישט אויסגעקליבן קיין אַנדערע עבירה ווי גלוי־עריות, און דאָס אַפילו אַ רשע וויל נישט, אַז אַן אַנדערער זאָל פאַראומריייניקן זיין ווייב, — האָט ער געענטפערט, דאָס די זינד האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן, דען נאָכדעם ווי ליסע האָט זיך אומגעקערט פון דעם יונג, איז ער צו איר געקומען, האָט ביי איר אויסגעפאָרשט כל שורש דבר, און דאָס האָט אים געגעבן מער הנאה ווי צו טון זיין אייגענעם געברויך. ווען אַ בעל־הבית האָט זיך אָנגערופן, דאָס אַזאַ זאַך איז נישט דער שטייגער פון דער וועלט, האָט שלמהלע געענטפערט, דאָס עס איז פאָרט אַזוי געווען, ואין חכם כבעל הנסיון. ער האָט איבערגעגעבן, דאָס ערשט נאָכדעם ווי זי האָט מזנה געווען פיל מאָל און ביסלעכווייז אָנגעהויבן פון אים זיך אָפּקערן און ער האָט געזען, דאָס ער פאַרלירט זיין געליבט ווייב, איז דער תענוג פאַרענדערט געוואָרן אין גרויס צער. ער האָט זי שוין דאַמאָלס געפּרוווט אָפּרעדן פון אירע מעשים, אָבער ס'איז געווען צו־שפּעט, מחמת זי האָט דעם יונג ליב באַקומען און געגאַרט צו אים און גערעדט וועגן אים טאָג און נאַכט. ער האָט אויך אויפגעדעקט, דאָס ליסע האָט געגעבן דעם יונג מתנות און אַז זי האָט אַרויסגענומען פון קופערט געלט פון נדן, געשאָנקען איר ליבהאָבער און ער האָט זיך געקויפט אַ פערד, אַ זאָטל און אַלערליי תכשיטים. און אין איינעם אַ טאָג האָט ליסע צו וויסן געטון שלמהלען, דאָס דער יונג רעדט זי אָן, זי זאָל זיך גטן מיט אים, איר מאַן, אוןביידע זאָלן אַוועק למדינת־הים. שלמהלע האָט דערציילט נאָך אַנדערע זאַכן. אַזוי האָט ער געזאָגט דאָס אויבוואויל ליסע האָט פריער אַלעמאָל געזאָגט דעם אמת, האָט זי אָנגעהויבן זיך צו באַשיצן מיט אַלערליי ליגנס און אויסריידן, און ס'איז געקומען דערצו, דאָס זי איז געלעגן מיט דעם יונג און האָט אים, שלמהלען, נישט אויסגעזאָגט. ס'איז דערום דער־גאַנגען צו מחלוקת און אַפילו צו קלעפּ. די לייט זענען גריילעך פאַר־וואונדערט געוואָרן צו הערן אַזעלכע ווערטער, זיי האָבן נישט באַנומען ווי מען האָט אין אַזוי אַ קליין מקום ווי קרעשעוו געקאָנט אָפּטון פאַרבאָרגענערהייט אַזעלכע מעשים־תעתועים. פיל לייט האָבן מורא באַקומען דאָס די גאַנצע שטאָט וועט דערפון געשטראָפט ווערן און ס'וועט, חלילה, ווערן אַ זוכט, אָדער אַן אָנגעלויף פון גוים, אָדער אַ פאַרפלייצונג. און דער רב האָט געלאָזט וויסן דאָס ער וועט גוזר־תענית זיין.

מחמת דער רב און די בעלי־הבתים האָבן מורא געהאַט דער המון זאָל זיך נישט וואַרפן אויף די זינדיקע און עס זאָל, חלילה, נישט קומען צו קיין בלוט־פאַרגיסונג, האָט ער באַפוילן מען זאָל דעם יונג האַלטן ביז מאָרגן צוגעבונדן צו דער קונע. ליסען האָט ער איבערגעגעבן צו די חברה־קדישא־ווייבער און זיי האָבן זי אַוועקגעפירט אין הקדש, וואו מ'האָט זי פאַרשפאַרט אין אַ באַזונדערער שטוב. שלמהלע איז געבליבן אין רבס הויז. מחמת ער האָט נישט געוואָלט ליגן אין אַ בעט, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אין קאַמער, וואו מ'האָט געהאַלטן האָלץ. נאָכדעם ווי דער רב האָט זיך באַראָטן מיט די קהל־לייט, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ פּסק, דאָס צומאָרגנס זאָל מען די זינדיקע פירן איבער דער שטאָט און זיי פאַרשעמען, עס זאָל זיין אַ ביישפּיל וואָס ס'קומט אַרויס, ווען מען ווידערשפעניקט דעם באַשעפער. דערנאָך זאָל שלמהלע אָפּגטן ליסען, וואָרום לויט דעם דין איז זי אסור אויף אים. זי האָט אויך מער נישט געטאָרט חתונה האָבן מיט דעם בעל־עגלה.

צומאָרגנס האָט מען דורכגעפירט די שטראָף. גאַנץ פרי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צונויפזאַמלען פאַרן שולהויף יידן, יידענעס, יונגען, מוידן. קינדער זענען נישט געגאַנגען אין חדר אַריין און זיי האָבן אַרויפגעקלעטערט אויפן דאַך פון בית־מדרש און אויף דעם גאַניק פון ווייבער־שול, בעסער צו זען. קונדסים האָבן געבראַכט מיט זיך לייטערס, אָדער זענען געגאַנגען אויף שטאָלצן. אויבוואויל דער שמש האָט גע־וואָרנט, מ'זאָל זיך נישט שטופּן און נישט טרייבן קיין שטיפעריין, דען די שטאָט דאַרף טרויערן אויף דער זינד, — האָבן פיל גרינגע לייט געמאַכט ליצנות. די נייטאָרינס האָבן איבערגעלאָזט נאָדל־פאָדים, כאָטש ס'איז געווען פאַר יום־טוב, און זענען געקומען קוקן ווי אַ גבירישע טאָכטער ווערט צו שאַנד. שניידערס, שוסטערס, בעדנערס, חזיר־האָר־קעמער זענען געשטאַנען אין רעדלעך, זיך געוויצלט, זיך געשטויסן און געוואונקען צו די מוידן. בעלי־בתישע מיידלעך האָבן אָנגעטון די

Since Shloimele had confessed his sins voluntarily and was prepared to do immediate penance, he was spared and some of the people even addressed him with kindness. Again before the court he related how the disciples of Sabbatai Zevi had ensnarled him in their net when he was a boy and how he had secretly studied their books and manuscripts and come to believe that the deeper one sank in the dregs, the closer one came to the End of Days. And when the rabbi asked why he had not chosen another expression of sin rather than adultery and whether even a man steeped in evil would want his wife defiled, he replied that this particular sin gave him pleasure, that after Lise came to him from the arms of Mendel and they made love, he probed for all the details and this gratified him more than if he had participated in the act himself. When a citizen observed that this was unnatural, Shloimele replied that that was the way it was, all the same. He related that only after she'd lain with Mendel many times and had begun to turn away from him, had he realized that he was losing his beloved wife, and his delight had changed to deep sorrow. He had then tried to change her ways but it was already too late, for she had grown to love the youth, yearned for him and spoke of him day and night. Shloimele also divulged that Lise had given Mendel presents and taken money from her dowry for her lover, who had then bought himself a horse, a saddle and all sorts of trappings. And one day, Lise had told him that Mendel had advised her to divorce her husband and suggested that the two of them flee to a foreign land. Shloimele had still more to reveal. He said that before the affair, Lise had always been truthful, but afterwards she began to protect herself with all sorts of lies and deceptions and finally it came to the point where she put off telling Shloimele about being with Mendel. This statement provoked argument and even violence. The citizens were shocked at these revelations; it was difficult to conceive how so small a town as Kreshev could hide such scandalous actions. Many members of the community were afraid the whole town would suffer God's vengeance and that, Heaven forbid, there would be drought, a Tartar attack, or a flood. The rabbi announced that he would decree a general fast immediately.

Afraid that the townspeople might attack the sinners, or even shed blood, the rabbi and town elders kept Mendel in prison until the following day. Lise, in custody of the women of the Burial Society, was led to the almshouse and locked in a separate room for her own safety. Shloimele remained at the rabbi's house. Refusing to lie in bed, he stretched out on the woodshed floor. Having consulted the elders, the rabbi gave his verdict. The sinners would be led through the town the following day to exemplify the humiliation of those who have forsaken God. Shloimele would then be divorced from Lise, who according to the law was now forbidden to him. Nor would she be permitted to marry Mendel the coachman.

Sentence was executed very early the next morning. Men, women, boys and girls began to assemble in the synagogue courtyard. Truant children climbed to the roof of the study house and the balcony of the women's synagogue in order to see better. Pranksters brought stepladders and stilts. Despite the beadle's warning that the spectacle was to be watched gravely, without jostling or mirth, there was no end of clowning. Although this was their busy pre-holiday season, seamstresses left their work to gloat over the downfall of a daughter of the rich. Tailors, cobblers, barrelmakers and hog-bristle combers clustered about, joked, nudged each other and flirted with the women. In the manner of funeral

אין שטובן, וואו קינדער זענען געווען שלאָף, אָדער מ׳איז געזעסן שבעה, זענען די ווייבער אַרויסגעלאָפן צו די זינדיקע מיט געשריי און געיאָמער, מיט קללות און געבײַלטע פויסטן. מחמת פאַר דעם יונג לייבל שמייסער האָט מען מורא געהאַט, וואָרום אַזאַ איינער קאָן נקמה נעמען, און אויף שלמהלען האָט קיינער נישט געהאַט קיין בייז האַרץ, נאָר מ׳האָט אויף אים גיכער געקוקט ווי אויף אַ חסר־דעה, האָט מען אויסגעלאָזט דאָס גאַנצע ביטערניש צו ליסען. אויבוואויל דער שמש האָט אָנגעזאָגט, מ׳זאָל זי נישט שלאָגן, האָבן עטלעכע ווייבער זי געקנייפּט און געשטויסן. איינע אַ יידענע האָט זי אָפּגעשאָטן מיט אַ קויבער מיסט, אַן אַנדערע האָט אויף איר אַרויפגעוואָרפן קישקעלעך פון אַ הון און זי איז אײַנגעשמירט געוואָרן מיט טינוף. מחמת ליסע האָט מודה געווען פאַר די בעלי־הבתים דאָס דער קהלישער באָק איז זי באַפאַלן און לייבל שמייסער האָט זי באַשירעמט, און דערום איז זי געקומען צו טראַכטן וועגן אים, האָבן וואוילע יונגען געכאַפּט דעם באָק און אים איר נאָכגעטראָגן. ווער ס׳האָט געפייפט און ווער ס׳האָט געזונגען אַ שפּאָט־ליד. מען האָט ליסען גערופן: זונה, הור, נפקא, נדה, חצופה, אשת־איש, גאַסן־מויד, חמור־אייזל, פלאַסקע־דריגע, טריפהניצע, אַפּלייזערין, און אַנדערע צונעמענישן. עטלעכע כלי־זמר־יונגען האָבן אַרויסגעבראַכט אַ פידעלע, אַ פּויק, אַ צימבל און אויפגעשפּילט אַ מצווה־טענצל. איינער איז כלומרשט געווען דער בדחן און געזאָגט גראַמען פול מיט שפּאָט און גראָבקייט. די ווייבער, וואָס האָבן ליסען געפירט, האָבן געפּרואווט רעדן צו איר און זי טרייסטן, אַז דאָס וועט זיין אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד, און אַז ווען זי וועט תשובה טון, וועט זי ווידער ווערן אַ כשרע יידישע טאָכטער — נאָר זי האָט זיי נישט געענטפערט. מ׳האָט אַפילו נישט געזען זי זאָל פאַרגיסן אַ טרער. זי האָט אויך קיין איין מאָל נישט געפּרואווט אַרויסלאָזן פון אירע הענט דעם בעזים און דעם פלעדערוויש. צום שבח פון לייבל שמייסער לאָמיך זאָגן, אַז ער האָט אויך זיך נישט קעגנגעשטעלט דעם פסק־דין. ער האָט געשפּאַנט שווייגנדיקערהייט און נישט געענטפערט אויף די זלזולים. וואָס שייך שלמהלען, — איז שווער געווען צו דערקאָנען אַן זיין פאַרקרימט פּנים, אויב ער לאַכט, אָדער ער וויינט. ער איז געגאַנגען שלאָבעריק, זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט און מ׳האָט אים געמוזט אונטערשטופּן. ער האָט באַלד אָנגעהויבן הינקען. מחמת ער האָט אַליין נישט געזינדיקט, נאָר גורם געווען, אַז אַנדערע זאָלן לאָזן זיך וואוילגיין, האָבן די לייט באַקומען אויף אים רחמנות און מ׳האָט אים דעם ערשטן אַוועקגעשיקט אַהיים. מ׳האָט אים מיטגעגעבן אַ שומר, ער זאָל אויף אים אַכטונג טון.

אין אָוונט האָט מען דעם יונג אָפּגעפירט צוריק אין דער קהלשער תפיסה. ליסען האָט מען געבראַכט צום רב און שלמהלע האָט איר געגעבן אַ גט. ווען ליסע האָט אויפגעשטעלטביידע הענט און שלמהלע האָט אין זיי אַרײַנגעלייגט דעם גט, איז געוואָרן צווישן די ווייבער אַ געיאָמער. אַפילו מאַנסלייט האָבן מיטגעוויינט. צוויי חברה־קדישא ווייבער האָבן אינדערגיך אָנגענומען ליסען ביי די אָרעמס און זי צוריקגעפירט אין איר פאָטערס הויז.

Women whose children were sick or those who still observed the seven days of mourning ran outside their houses to berate the sinners with cries, laments, oaths and clenched fists. Being afraid of Mendel the coachman, who could easily exact revenge, and feeling no real hatred against Shloimele, whom they considered addled, they expressed their fury on Lise. Although the beadle had warned against violence, some of the women pinched and mishandled her. One woman doused her with a bucket of slops, another pelted her with chicken entrails, and she was splattered with all sorts of slime. Because Lise had told the story of the goat and it had made her think of Mendel, town wags had snared the goat and with it in tow followed the procession. Some people whistled, others sang mocking songs. Lise was called: "Harlot, whore, strumpet, wanton, tart, streetwalker, stupid ass, doxie, bitch," and similar names. Fiddlers, a drummer, and a cymbalist played a wedding march alongside the procession. One of the young men, pretending to be the wedding jester, declaimed verses, ribald and profane. The women who escorted Lise tried to humor and comfort her, for this march was her atonement and by repenting she could regain her decency—but she made no response. No one saw her shed a single tear. Nor did she loose her hold on the broom and duster. To Mendel's credit, let me state that he did not oppose his tormentors either. Silently, making no reply to all the abuse, he walked on. As for Shloimele, from the faces he made, it was hard to tell whether he laughed or cried. He walked unsteadily, constantly stopping, until he was pushed and had to go on. He began to limp. Since he had only made others sin, but had not done so himself, he was soon allowed to drop out. A guard accompanied him for protection. Mendel was returned to prison that night. At the rabbi's house, Lise and Shloimele were divorced. When Lise raised both her hands and Shloimele placed the Bill of Divorcement in them, the women lamented. Men had tears in their eyes. Then Lise was led back to her father's house in the company of the women of the Burial Society.

## יב

# דער חורבן פון קרעשעוו

ביינאַכט האָט געבלאָזן אַ ווינט ווי זיבן מכשפות וואָלטן זיך אויפגעהאָנגען. אין אמתן האָט זיך אויפגעהאָנגען בלויז איין יונגע פרוי — ליסע. ווען די אַלטע דינסט איז אינדערפרי אַריין אין איר שלאָף־חדר, האָט זי געפונען דאָס בעט ליידיק. זי האָט אָפּגעוואַרט, דען זי האָט געטראַכט טאָמער איז זי אַוועק טון איר באַדערפעניש, נאָר ווען ס׳האָט געדויערט אַ לאַנגע וויַיל, און זי האָט זיך נישט אומגעקערט, איז זי געגאַנגען זי זוכן. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט זי געפונען ליסען אויפן בוידעם. זי איז געהאָנגען אויף אַ שטריק, אָן אַ הייבל, באָרוועס און אין איין העמד. זי איז שוין געווען קאַלט.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ רעש. די אייגענע ווייבער, וואָס האָבן נעכטן נאָכגעוואָרפן ליסען שטיינער און געהאַט פאַראיבל וואָרום זי קומט אָפּ מיט אַזאַ מילדער שטראָף, האָבן געשריגן דאָס די קהל־לייט זענען מערדער און דאָס זיי האָבן געהרגעט אַ יידישע טאָכטער. צווישן די מאַנסלייט זיינען געוואָרן צוויי צדדים. איין צד האָט געהאַלטן דאָס ליסע איז שוין איבערגעקומען דאָס איריקע און אַז מ׳זאָל זי מקבר זיין אויפן בית־עולם נעבן דער מוטער און זיך באַגיין מיט איר אין אַלע ענינים ווי מיט אַ מת טהור. דער צווייטער צד האָט געטענהט, דאָס מען דאַרף זי באַגראָבן קבורת־חמור, הינטערן פלויט, ווי אַלע וואָס טוען זיך אָן אַ מעשה. די לייט פון דעם צווייטן צד האָבן אויפגעוויזן, דאָס לויט ליסעס רייד אין בית־דין־שטוב און איר אויפפירעכץ, האָט זי נישט געטון קיין תשובה און איז אומגעקומען אין איר ווידערשפעניקייט. מערקט איך, אַז דער צווייטער צד האָט אויסגעפירט, וואָרום דער רב און די חברה־קדישא זענען געווען צווישן זיי. מ׳האָט זי מקבר געווען ביינאַכט, הינטערן פלויט, קעגן דער שיין פון אַ לאַמטער. ווייבער האָבן געוויינט מיט פאַרשטיקטע קולות. די קראָען, וואָס האָבן זייערע נעסטן אין די ביימער פון בית־עולם, האָבן זיך איבערגעוועקט פון דעם רעש און געקראַקעט. איניקע קהל־לייט האָבן ביי דער טויטער געבעטן מחילה. מ׳האָט איר אַרויפגעלייגט שערבעלעך אויף די אויגן, ווי דער מנהג איז, און איר געגעבן אַ ריטל צווישן די פינגער, זי זאָל, ווען משיח וועט קומען, זיך גראָבן אַ הייל פון קרעשעוו קיין ארץ־ישראל. מחמת ס׳איז אַ סכנה צו באַגראָבן אַ מעוברתע פרוי מיט דער פרוכט אין אירע געדערים, האָט מען גערופן קלמן רופא, ער זאָל זי בודק זיין, אויב זי איז נישט שוואַנגער. דער קברן האָט געזאָגט די פסוקים, וואָס מ׳זאָגט געוויינלעך ביי אַ קבורה: הצור תמים פעלו וכל דרכיו משפט, אל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא. די לייט האָבן אויסגעריסן הויפנס גראָז און געוואָרפן אויף הינטערוויילעכץ. די באַלייטער האָבן יעדער צוגעשאָטן אַ רידל ערד. אויבוואויל שלמהלע איז מער נישט געווען ליסעס מאַן, איז ער נאָכגעגאַנגען נאָך דער מיטה און געזאָגט קדיש אויף איר קבר. נאָך דעם באַגרעבעניש איז ער אַוועקגעפאַלן אויף דעם בערגל ערד, האָט נישט געוואָלט אויפשטיין און די לייט האָבן אים אַוועקגעשלעפּט מיט גוואַלד. און אויבוואויל ער איז לויט דעם דין פּטור געווען פון אבלות, איז ער אַוועק אין זיין געוועזענעם שווערס הויז און זיך געזעצט שבעה און נוהג געווען אַלע דינים פון אַן אבל.

אין דער צייט פון דער שבעה זענען איניקע בעלי־הבתים געקומען דאַוונען צו שלמהלען און אים מנחם־אבל־זיין, נאָר ער האָט נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט געוואָרן אַ שותק. ער איז געזעסן אויף אַ פיסבענקלע אָן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער, דאָס פּנים געל ווי וואַקס, באָרד און פאות צעשויבערט, און האָט אַריינגעקוקט אין אַ פּסוק איוב. אין אַ שערבעלע מיט אייל האָט געברענט אַ קנויטל. אין אַ גלאָז וואַסער האָט געווייקט אַ שמאַטקעלע. עס איז געווען פאַר דער נשמה פון דער געשטאָרבענער, זי זאָל זיך דאָרט טובלען. די אַלטע דינסט האָט שלמהלען געבראַכט עסן, נאָר מער ווי אַ שטיקל דאַר ברויט מיט זאַלץ האָט ער נישט פאַרזוכט. נאָך דער שבעה האָט שלמהלע אַלץ איבערגעלאָזט, גענומען אַ טאָרבע אויפן אַקסל, אַ שטעקן אין דער האַנט און איז אַוועק אין גלות אַריין. די שטאָט־לייט זענען אים נאָכגעגאַנגען אַ שטיק וועגס און אים געפּרואווט איבעררעדן ער זאָל בלייבן, לכל הפּחות ביז ר׳ גימפּל וועט זיך אומקערן, נאָר ער האָט געשוויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, און אַזוי איז ער געקראָכן אין ליים, ביז די לייט זענען מיד געוואָרן און זיך אומגעקערט אויף צוריק. מ׳האָט מער נישט געוואוסט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

## XII

### *The Destruction of Kreshev*

That night a gale blew as if (as the saying goes) seven witches had hanged themselves. Actually, only one young woman hanged herself—Lise. When the old servant came into her mistress's room in the morning, she found an empty bed. She waited, thinking that Lise was attending to her personal needs, but after a long time had gone by without Lise appearing, the maid went looking for her. She soon found Lise in the attic—hanging from a rope with nothing on her head, barefoot and in her nightgown. She had already grown cold.

The town was shocked. The same women who the day previous had thrown stones at Lise and expressed indignation over her mild punishment wailed now that the community elders had killed a decent Jewish daughter. The men split into two factions. The first faction said that Lise had already paid for her transgressions and that her body should be buried in the cemetery beside her mother's and considered respectable; the second faction argued that she be buried outside the cemetery proper, behind the fence—like other suicides. Members of the second faction maintained that from everything Lise said and did at the chamber of justice, she had died rebellious and unrepentant. The rabbi and community elders were members of the second faction, and they were the ones who triumphed. She was buried at night, behind the fence, by the light of a lantern. Women sobbed, choking. The noise wakened crows nesting in the graveyard trees and they began to caw. Some of the elders asked Lise for forgiveness. Shards were placed over her eyes, according to custom, and a rod between her fingers, so that when the Messiah came she would be able to dig a tunnel from Kreshev to the Holy Land. Since she was a young woman, Kalman the leech was summoned to find out if she was pregnant, for it would have been bad luck to bury an unborn child. The gravedigger said what is said at funerals: "The Rock, His work is perfect, for all His ways are judgment: a God of faithfulness and without iniquity, just and right is He." Handfuls of grass were plucked and thrown over shoulders. The attendants each threw a spadeful of earth into the grave. Although Shloimele no longer was Lise's husband, he walked behind the stretcher and said the Kaddish over her grave. After the funeral he flung himself upon the mound of earth and refused to rise and had to be dragged away by force. And although, according to law, he was exempt from observing the seven days of mourning, he retired to his father-in-law's house and observed all the prescribed rites.

During the period of mourning, several of the townspeople came to pray with Shloimele and offer their condolences, but as though he had vowed eternal silence, he made no response. Ragged and threadbare, peering into the Book of Job, he sat on a footstool, his face waxen, his beard and sidelocks disheveled. A candle flickered in a shard of oil. A rag lay soaking in a glass of water. It was for the soul of the deceased, that she might immerse herself therein. The aged servant brought food for Shloimele but he would take no more than a slice of stale bread with salt. After the seven days of mourning, Shloimele, staff in hand and a pack on his back, went into exile. The townspeople trailed him for a while, trying to dissuade him or to make him wait at least until Reb Bunim returned, but he did not speak, merely shook his head and went on until those who had spoken grew weary and turned back. He was never seen again.

ר׳ גימפל האָט דערווייל זיך אויפגעהאַלטן ערגעץ אין וואָלין, פאַרטוען אין די מסחרים, און ער האָט נישט געוואוסט פון זיין שלים־מזל. עטלעכע טעג פאַר ראש־השנה איז ער איינגעזעסן אין אַ בויד און אַ גוי האָט אים אָפּגעפירט קיין קרעשעוו. ער האָט מיטגעפירט פיל מתנות פאַר דער טאָכטער און דעם איידעם. ביינאַכט איז ער איינגעשטאַנען אין אַן איינפאָר־הויז. ער האָט געפרעגט די לייט, אויב זיי האָבן נישט געהערט קיין גרוס פון זיין היים און אויבוואויל אַלע אין דער געגנט האָבן געוואוסט וואָס עס האָט געטראָפן, האָט קיינער נישט געוואָלט אים אָנזאָגן די בשורה. זיי האָבן דערום געענטפערט, דאָס זיי ווייסן גאָרנישט. און ווען ר׳ גימפל האָט איינעקע פון זיי מכבד געווען מיט לעקעך און בראָנפן, האָבן זיי געגעסן און געטרונקען נישט גערן, און זיי האָבן נישט געקוקט אים גלייך אין די אויגן און אָנגעוואונטשן מיט אַ האַלב מויל. און עס איז דעם ייד געווען אַ פּלא.

צומאָרגנס, ווען ר׳ גימפל איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט, האָט קרעשעוו אויסגעזען ליידיק. די שטאָט־לייט זענען ממש אַנטלאָפן פון אים. ווען ער איז צוגעפאָרן צו זיין הויז און געזען, דאָס די לאָדן זענען אין מיטן טאָג פאַרמאַכט אויף די שטאַבן, איז אים אַ פּחד באַפאַלן. ער האָט גענומען רופן ליסען און שלמהלען און לייבלען, נאָר קיינער האָט נישט געענטפערט. אַפילו די דינסט האָט געהאַט פאַרלאָזט דאָס הויז און איז געלעגן קראַנק אין הקדש. צום סוף איז אַריינגעקומען אין הויף אַן אַלטע אידענע, אַ גבאיטע, און אָנגעזאָגט דעם פאָטער די שוואַרצע בשורה.

— ווינד און ווי, נישטאָ מער קאַ׳ ליסע! — האָט די זקנה גערופן און פאַרבראָכן די הענט.

— ווען האָט דאָס געטראָפן? — האָט ר׳ גימפל געפרעגט און זיין פנים איז געוואָרן וויס און איינגעשרומפן.

די יידענע האָט אים געזאָגט דעם טאָג.

— און וואו איז שלמהלע? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— אַוועק אין גלות אַריין! — האָט די יידענע געענטפערט. — באַלד נאָך דער שבעה . . .

— ברוך דיין אמת! — האָט ר׳ גימפל געמאַכט די ברכה, וואָס מ׳זאָגט בעת מ׳הערט אַ בשורה רעה. און ער האָט צוגעגעבן דעם פסוק פון איוב: ערום יצאתי מבטן אמי וערום אשוב שמה.

ער איז אַוועק צו זיך אין שטוב, געריסן קריעה, אויסגעטון די שטיוול און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, און די זקנה האָט אים געבראַכט אַ ברויט און אַ האַרט איי און אַביסל אַש, ווי דער דין איז. זי האָט אים ביסלעכווייז געלאָזט וויסן דאָס זיין בת־יחידה איז נישט געשטאָרבן מיט קיין געוויינלעכן טויט, נאָר זי האָט זיך אויפגעהאָנגען. זי האָט אים אויך געזאָגט וואָרום. עס האָט אויסגעזען דאָס ר׳ גימפל איז דערפון אויך נישט מבולבל געוואָרן, דען דער ייד איז געווען אַ חסיד און איז געווען גרייט צו נעמען אויף זיך אַלע פורעניות, וואָס מ׳האָט אויף אים אָנגעשיקט פון הימל, ווי ס׳שטייט געשריבן: אַ מענטש איז מחוייב צו לויבן אויפן שלעכטן גלייך ווי אויפן גוטן. און ער איז געבליבן שטאַרק אין זיין אמונה און נישט געהאַט קיין תרעומות אויפן רבונו־של־עולם.

ראש השנה האָט ר׳ גימפל געדאַוונט אין בית־מדרש און געזאָגט און געזונגען די תפילות מיט אַ שטאַרק קול. דערנאָך האָט ער געגעסן די ראש־השנהדיקע סעודה איינער אַליין. די דינסט האָט אים צוגעטראָגן אַ קאָפּ פון אַ שעפּס, עפּל מיט האָניק, אַ מייער, און ער האָט פאַרזוכט און זיך צוגעשאָקלט און צוגעברומט זמירות. איך, דער יצר־הרע, האָב, וואָס אָן אמת, געפּרואווט אויך אים, דעם באַצערטן פאָטער, זינדיק מאַכן און אים ברענגען צו מרה־שחורה, וואָרום דערויף האָט מיך דער באַשעפער אַראָפּגעשיקט. אָבער דער מאַן האָט זיך נישט צוגעהערט צו מיינע רייד און מקיים געווען דעם פסוק פון משלי: אַל תען כסיל כאוולתו. אַנשטאָט זיך אויסצוטענהן מיט מיר, האָט ער געדאַוונט און געלערנט, און באַלד נאָך יום־כיפור האָט ער זיך געשטעלט בויען אַ סוכה, און אַזוי איז ער געווען פאַרנומען די גאַנצע צייט מיט תורה און מצוות. און עס איז באַוואוסט, אַז איך האָב נאָר שליטה צו די יעניקע, וואָס טראַכטן הוריות, נישט צו די אנשי־מעשה, און אַזוי זענען אַריבער די ימים־טובים.

באַלד נאָך יום־טוב האָט ר׳ גימפל פאַרקויפט דאָס הויז און די אַנדערע נחלאות פאַר אַ שיבוש און איז אַוועק פון קרעשעוו, וואָרום די שטאָט האָט אים צופיל דערמאָנט זיין אומגליק. אַלע לייט, צוזאַמען מיטן רב, זענען אַוועק אים באַגלייטן און ער האָט איבערגעלאָזט געלט פאַרן בית־מדרש, דעם הקדש און פאַר אַנדערע מצווה־זאַכן. ער האָט אויך געפועלט, מ׳זאָל אַרויסלאָזן לייב דעם בעל־עגלה פון תפיסה, ער זאָל גיין זיין וועג. אַזוי האָט ר׳ גימפל פאַרלאָזט די שטאָט ווי אַ צדיק, וואָס וועגן אַזאַ איינעם ווערט געזאָגט: יצא צדיק מן העיר, פנה זיוה, פנה הודה, פנה הדרה.

Reb Bunim, meanwhile, detained somewhere in Woliny, had been absorbed in business affairs and knew nothing of his misfortune. A few days before Rosh Hashanah he had a peasant with a wagon take him to Kreshev. He carried numerous gifts for his daughter and son-in-law. One night he stopped at an inn. He asked for news of his family, but although everyone knew what had happened, no one had the courage to tell him. They declared they had heard nothing. And when Reb Bunim treated some of them to whiskey and cake, they reluctantly ate and drank, avoiding his eyes as they offered toasts. Reb Bunim was puzzled by so much reticence.

The town seemed abandoned in the morning, when Reb Bunim rode into Kreshev. The residents had actually fled him. Riding to his house, he saw the shutters closed and barred in midday, and he was frightened. He called Lise, Shloimele and Mendel, but no one answered. The maid too had left the house and lay ill at the almshouse. Finally an old woman appeared from nowhere and told Reb Bunim the terrible news.

"Ah, there is no Lise any more!" the old woman cried, wringing her hands.

"When did she die?" Reb Bunim asked, his face white and frowning.

She named the day.

"And where is Shloimele?"

"Gone into exile!" the woman said. "Immediately after the seventh day of mourning . . ."

"Praised be the true Judge!" Reb Bunim offered the benediction for the dead. And he added the sentence from the Book of Job: " 'Naked I came from my mother's womb and naked I will return therein.' "

He went to his room, tore a rent in his lapel, removed his boots and seated himself on the floor. The old woman brought bread, a hard-boiled egg and a bit of ash, as the Law decrees. Gradually she explained to him that his only daughter hadn't died a natural death but had hanged herself. She also explained the reason for her suicide. But Reb Bunim was not shattered by the information, for he was a God-fearing man and accepted whatever punishment came from above, as it is written: "Man is obliged to be grateful for the bad as well as the good," and he maintained his faith and held no resentment against the Lord of the Universe.

On Rosh Hashanah Reb Bunim prayed at the prayer house and chanted his prayers vigorously. Afterwards he ate the holiday meal alone. A maid served him the head of a sheep, apples with honey and a carrot, and he chewed and swayed and sang the table chants. I, the Evil Spirit, tried to tempt the grief-stricken father from the path of righteousness and to fill his spirit with melancholy, for that is the purpose for which the Creator sent me down to earth. But Reb Bunim ignored me and fulfilled the phrase from the proverb: "Thou shalt not answer the fool according to his foolishness." Instead of disputing with me, he studied and prayed, and soon after the Day of Atonement began to construct a Sukkoth booth, and thus occupied his time with the Torah and holy deeds. It is known that I have power only over those who question the ways of God, not those who do holy deeds. And so the holy days passed. He also asked that Mendel the coachman be released from prison so that he might go his own way. Thus Reb Bunim left the town like the saint of whom it is written: "When a saint leaves town, gone is its beauty, its splendor, its glory."

Immediately after the Holy Days, Reb Bunim sold his house and other possessions for a pittance and left Kreshev, because the town reminded him too much of his misfortune. The rabbi and everyone else accompanied him to the road and he left a sum for the study house, the poorhouse, and for other charitable purposes.

לייב שמייסער האָט אַ צייט זיך אויפגעהאַלטן אין די דערפער אַרום. די קרעשעווער דאָרף־גייער האָבן דערציילט דאָס ער האָט פאַרפירט אַלערליי געשלעגן מיט פויערים און שקצים און אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די גוים. אייניקע האָבן געזאָגט, דאָס ער איז געוואָרן אַ פערד־גנב, און אַנדערע — דאָס ער איז אַ גזלן אין וואַלד. מ'האָט אויך דערציילט, דאָס ער זאָל האָבן געקומען צו ליסעס קבר און עס זענען געבליבן אויפן זאַמד שפּורן פון זיינע שטיוול. מ'האָט גערעדט נאָך אַנדערע זאַכן. פיל האָבן מורא געהאַט, דאָס דער יונג זאָל נישט נקמה נעמען פון די שטאָט־לייט, און זיי זענען געווען גערעכט. דען אין איינער אַ נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. דאָס פייער האָט זיך אָנגעהויבן אין עטלעכע ערטער מיט אַמאָל, און איבוואויל די נאַכט איז געווען אַ רעגנדיקע, האָבן זיך די פלאַמען באַלד איבערגעטראָגן פון שטוב צו שטוב און דריי פערטל קרעשעוו איז אָפּגעברענט געוואָרן. עס איז אויך פאַרברענט געוואָרן דער קהלישער באָק. עס זענען געווען עדות, דאָס לייב שמייסער האָט אָנגעצונדן דאָס פייער. און מחמת עס איז געווען אַ האַרבע קעלט אינדרויסן און פיל לייט זענען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, זענען אַ סך פאַרשלאַפט געוואָרן און עס איז געוואָרן אַן אונטערגאַנג און אַ מגפה, און פיל מאַנסלייט, ווייבער און קליינע קינדער זענען אוועק פון דער וועלט, און עס איז געווען אַן אמתער חורבן אין קרעשעוו. ביז היינט צו טאָג איז די שטאָט געבליבן קליין און אָרעם, און זי איז מער נישט אויפגעבויט געוואָרן, ווי זי איז געווען. און עס איז אַלץ געווען איבער דער זינד, וואָס איז אָפּגעטון געוואָרן פאַרבאָרגענערהייט צווישן אַ מאַן און אַ ווייב און אַ בעל־עגלה. און איבוואויל עס איז נישט איינגעפירט ביי יידן צו קומען בעטן אויפן קבר פון אַ מאבד עצמו לדעת, פלעגן יונגע ווייבלעך, וואָס זענען געגאַנגען אויף קבר־אבות, זיך אויסשטרעקן אויף דעם בערגל ערד הינטערן פלויט, און זיי האָבן געוויינט און תפילה געטון סיי פאַר זיך און זייערע משפחות און סיי פאַר דער נשמה פון דער געשטרויכלטער ליסע בת גנענדל. און דער מנהג איז געבליבן ביז צום היינטיקן טאָג.

Mendel the coachman lingered for a while in neighboring villages. The Kreshev peddlers spoke of how the peasants feared him and of how often he quarreled with them. Some said he had become a horse thief, others a highwayman. There was gossip also that he had visited Lise's grave; his boot marks were discovered in the sand. There were other stories about him. Some people feared that he would exact revenge upon the town—and they were correct. One night a fire broke out. It started in several places at once and despite the rain, flames leaped from house to house until nearly three-quarters of Kreshev was destroyed. The community goat lost its life also. Witnesses swore that Mendel the coachman had started the fire. Since it was bitter cold at the time and many people were left without a roof over their heads, quite a few fell ill, a plague followed, men, women and children perished, and Kreshev was truly destroyed. To this day the town has remained small and poor; it has never been rebuilt to its former size. And this was all because of a sin committed by a husband, a wife, and a coachman. And although it is not customary among Jews to make supplications over the grave of a suicide, the young women who came to visit their parents' graves often stretched out on the mound of earth behind the fence and wept and offered prayers, not only for themselves and their families, but for the soul of the fallen Lise, daughter of Shifrah Tammar. And the custom remains to this day.